פכל את אדוניו אלא ושרת עם אחיו בני מררי וגרשון בנעילת שערים ועגילת העגלות ולשיר: ח שנאמר בה בחדש השני: ט מדכתיב בארבעה עשר יום וגומר במדבר סיני ל"ל הא כתיב בתחלת הפרשה במדבר סיני אלא לומר לך שכל מ' שנה וכו'. ואם תאמר ולמה לא הקריבו משה שיעשו הפסח וי"ל שהיו הרבה שלא היו נמולין שבמדבר לא היו מלין את בניהם. ואם תאמר אם כן מאי זה גנות וכו' והא לא היו יכולין לעשות. וי"ל שהם גרמו מכח עונותיהם שאלולי היה החטא היו נכנסין לא"י בעוד ג' ימים כדפרש"י בפסוק נוסעים אנחנו וגו' (תוספות קידושין דל"ה): י ר"ל מכמיעדו שני דכתיב בקרא דריש ליה משום דככר ילפינן מכמועדו הראשון דפסח דוחה את השבת דילפינן מועדו מועדו מקרבן תמיד שכתוב ביה במועדו וקרבן תמיד דוחה את השבת ואייתר לה במועדו שני למדרש שדוחה את הטומאה (בספרי) א"נ י"ל מהד קרא נפקא תרווייהו משום דהי מינייהו מפקית. והא דכתיב בסמוך איש איש כי יהי' טמא וגו' ועשה פסח לה' בחדש השני משמע דטמאים נדחים לפסח שני היינו דוקא באיש דאיש נדחה אבל אין צבור נדחין והכא מיירי בצבור או רוב צבור שטמאים ובשבטמאו מחלה הצבורים יאכלו אותו בטהרה והטמאי' עושים לעצמן בטומאה (פסחים דף ע"ט) ודוקא טומאת מת הוא דדחי ולא שאר טומאות (פסחים ע"ו): כ ה"ג ככל חקותיו-אלו מצות שבגופו שה תמים זכר בן שנה. ככל משפטיו אלו מצות שעל גופו,

## פירוש לתורת אלהים

הָרִאשׁוֹן אין דעם ערשטן חודש דס איז דער חודש ניסן לֵאמֹר אזו צו זאגן: (ב) וְיַעֲשׂוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל די יודן זאלן מאכן אֶת הַפָּסַח דעם קרבן פסח בְּמוֹעֲדוֹ אין זיין צייט: (ג) בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר יוֹם אין פערצעטן טאג בַּחֹדֶשׁ הַזֶּה אין דעם חודש ניסן בֵּין הָעַרְבַּיִם צווישען דיא אבינטן תַּעֲשׂוּ זאלט איר אים מאכן אין זיין צייט כְּכָל אזו וויא אלי זיינע מצות אונ דינים וואס געהערן צום קרבן ... אליין דהיינו מען זאל ברענגען אלעמלי אזכר וואס איז אלט איאר אונ עס זאל זיין גאנץ אן אמום וּכְכָל מִשְׁפָּטָיו אונ אזו ווי אלע זיינע

טייב, זיא זאל לאזן שיין מאהלין די שטובין אונ אלין איפוצען

## ליקוטי יהודא

(ב) וַיַּעֲשׂוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַפֶּסַח וגו', פריער שטייט דער ענין פון די לוים נאכדעם שטייט דער ענין פון קרבן פסח, פאר וואס שטייט אין ענין נעבין דעם אנדערן, דר באר מים חיים פרעגט פר וואס שטייט וַיַּעֲשׂוּ מיט אוא"ו, דס איז דאך אנגהייב ענין דארף דאך שטיין יַעֲשׂוּ אן אוא"ו, נאר מיר ווייסן נאכדעם ווי די יודין האבן געמאכט דעם עגל אונ משה האט אים פרברענט אונ צובראכן די לוחות האבן יודין גיטאן תשובה, נאר זיי האבן ניט געוואסט אויב זייער תשובה איז אנגנומן גיווארן ביי הקב"ה ווי דר מדרש זאגט למשל איינער האט חתונה געהאט מיט אווייב אונ ער האט איר שטארק געליבט, אמאל האט זיא אים דערצערנט, איז ער איף איר בייז גיווארן, אונ איז אוועק פון איר, אירע שכנות האבן גזאגט צו איר דיין מאן וועט ניט מער קומן צו דיר, אין אצייט שפעטר האט דער מאן געשיקט צו זיין אונ אין דעם טאג וועל איך צו דיר קומן, וויא עס איז געקומן דר

מִשְׁפָּטָיו תַּעֲשׂוּ אֹתוֹ׃ ד וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לַעֲשֹׂת הַפָּסַח׃
ה וַיַּעֲשׂוּ אֶת־הַפֶּסַח בָּרִאשׁוֹן
בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ בֵּין
הָעַרְבַּיִם בְּמִדְבַּר סִינָי כְּכֹל אֲשֶׁר
צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה כֵּן עָשׂוּ בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל׃ ו וַיְהִי אֲנָשִׁים אֲשֶׁר הָיוּ

**אונקלוס**

תַּעְבְּדוּן יָתֵהּ׃ ד וּמַלִּיל
מֹשֶׁה עִם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
לְמֶעְבַּד פִּסְחָא׃ ה וַעֲבָדוּ
יָת פִּסְחָא בְּנִיסָן
בְּאַרְבְּעַת עַשְׂרָא יוֹמָא
לְיַרְחָא בֵּין שִׁמְשַׁיָּא
בְּמַדְבְּרָא דְסִינַי כְּכֹל דִּי
פַקִּיד יְיָ יָת מֹשֶׁה כֵּן
עֲבָדוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃
ו וַהֲווֹ גֻבְרַיָּא דִּי הֲווֹ

תו"א ויהי אנשים פסחים ו סוכה כה׃

## בעל הטורים

(ד) לעשת הפסח. לעשת חסר וי"ו לומר לך שלא עשו במדבר אלא אותו פסח בלבד׃ (ו) אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם. בגימ' אלו שהיו נושאין ארונו של יוסף׃ אשר היו טמאים. בגימ' זה למת מצוה׃

## בית יהודא

פסח זאל זיין געבראטן אויף דעם פייער אזוי ווי ער איז אין גאנצן מיט דעם קאפ, מיט די פיס, מיט אלץ וואס איז דא אין בויך (שחוץ לגופו) די מצות וואס זענען אויסער דעם קרבן פסח (מצה וביעור חמץ) זיבען טעג דארף מען עסן מצה אונ מען מוז אויסראמען חמץ פון שטוב׃ (ד) וידבר משה וגו'. פרענט רש"י (מה תלמוד לומר) צו וואס דארף דר פסוק זאגען אז משה הט גערעט צו די יודען זיי זאלן מאכן דעם קרבן פסח (והלא כבר נאמר) עס שטייט דאך שוין אין פסוק (וידבר משה את מועדי ה') משה האט גערעט צו די יודען די ימים טובים וואס הקב"ה הט געבאטן אונ דארטען שטייט שוין דר דין פון קרבן פסח אויך, ענטפערט רש"י (אלא כששמע פרשת מועדות מסיני אמר להם) נאר אזוי איז געוועזן ווען משה האט געהערט פון הקב"ה אויף דעם בארג סיני די דינים פון די ימים טובים הט ער זיי געזאגט צו דיא יודען (והזהירם בשעת מעשה) אונ ווען מען הט געדארפט

## רש"י

ראשו על כרעיו ועל קרבו. שחוץ לגופו. מלה וביעור חמץ)׃ (ד) וידבר משה וגו'. (ספרי) מה ת"ל והלא כבר נאמר (ויקרא כג) וידבר משה אל את מועדי ה' אלא כששמע פרשת מועדים מסיני אמר להם וחזר והזהירם בשעת

## שפתי חכמים

ראשו על כרעיו ועל קרבו ושחוץ לגופו כלו' מנוקוס אחר כגון שבעת ימים וגו' וכן כתבו הרמב"ן והרא"ם אבל מה שבספרים כתוב ככל משפטיו וכו' שבעת ימים למלה ולביעור חמץ טעות סופר הוא דאם לא כן כפסח שני גב כן כתיב וכמשפטו ואפ"ה פסח שני מלה וחמץ עמו בבית כדפירש רש"י לקמן. וע' (בקל"ת ובנח"י) שמיישבים גירסת רש"י שלפנינו׃ ל אבל לא הוקשה לרבותינו ז"ל מדוע שנה הקב"ה לצוות כאן על הפסח והלא כבר צוה כב' אמור מפני שלא תימא שבמדבר היו פטורים משום דביאת הארץ תלה הכ' לפיכך חזר ושנאה כאן אבל נאמר משה לישראל שאינו כתיב בו לעשות את הפסח כחדש הזה אלא לעשות פסח סתם שמורה שלא צוה להם רק דין הפסח בלבד הוקשה להם לרבותינו ז"ל מה ת"ל וט'. הרא"ם. ולי נראה דהוקשה להם ז"ל למה ליה למיכתב כלל

## ליקוטי יהודא

מאג איז דער מאן צו איר געקומן אונ הט מיט איר גגעסן אונ געטרונקן, פון דעסטוועגן האבן די שכנות נאך ניט געגלויבט אז דר מאן הט זיך מיט איר איבערגעבעטן ביז זיי האבן גיהערט דעם ריח פון די בשמים וואס ער הט איר גינעבן האבען אלע גיוואסט אז דר מאן איז שוין איבערגעבעטן מיט איר. ביי הקב"ה איז אויך אזוי גיוועזן ער הט ארויסגענומן די יודין פון מצרים אונ האט זייא שטארק ליב גהאט אונ הט זיי געבריינגט צום בארג סיני, אונ אין פערציג טעג שפעטער האבן זייא געזינדיגט אונ געמאכט דעם עגל, איז הקב"ה אויף זיי בייז גיווארן, האבן די פעלקר גזאגט הקב"ה וועט ניט מעהר איבערגעבעטן ווערין צו די יודין, נאכדעם ווי דר כעס פון הקב"ה איז געשטילט גיווארן ודורך דיא תפלות פון משה) הט הקב"ה געשיקט משה זאל זאגן די יודין זייא זאלן מאכן אמשיינעם משכן, וואררום איך וועל קומן וואהנען ביי זייא אין דעם משכן, יודין האבן געמאכט דעם משכן אונ הקב"ה הט געבאטן די לוים זיי זאלן זיין שטענדיג ארום משכן, דס איז אסימן אז די שכינה איז אין משכן, פון דעסטוועגין האבין דיא פעלקר ניט געגלויבט אז הקב"ה הט זיך איבערגעבעטן מיט זיי, דר"ער הט הקב"ה גיזאגט ויעשו וגו' את הפסח די יודין זאלן מאכין דעם קרבן פסח, ווי די פעלקער האבן גיהערט דעם ריח פון קרבן פסח האבן זיי געגלויבט אז הקב"ה הט זיך איבער גבעטין מיט די יודין, ווארום ווען ביי דיא יודין וואלט נאך גיווען דיא עגל וואלט הקב"ה ניט געהייסן זייא זאלען מאכן אקרבן פסח, הקב"ה הט דאך גיבאטין כל בן נכר לא יאכל בו, דער מענטש וואס זייגע מעשים זענען פרעמד צוא הקב"ה טאר ער ניט עסין פון קרבן פסח׃

## פירוש לתורת אלהים

מצות אונ דינים וואס גיהערן דער צו דהיינו אום ערב פסח מוז מען אום רוימן חמץ אונ מען טאר גיט עסין חמץ אלע זיבן טעג פון פסח נאר מצות תעשו אותו זאלט איר אים מאכן׃ (ד) וידבר משה אונ משה האט גירעט צו די קינדער פון ישראל זייא זאלן מאכן דעם קרבן פסח׃ (ה) ויעשו אונ זיי האבן גימאכט אקרבן פסח בראשון אין דעם ערשטן חודש דס איז ניסן בארבעה עשר אין דעם פערצטן טאג אין חודש בין הערבים צווישן די אבינטן במדבר סיני אין דער מדבר סיני האבען זיי דענצמאל גמאכט דעם קרבן פסח ככל אזו ווי גאט הט גבאטן את משה צו משה כן עשו אזו האבן גיטוען די יודן׃ (ו) ויהי אונ עס איז גיוועזן אנשים מאנען אשר היו טמאים וואס

טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם וְלֹא־יָכְלוּ לַעֲשֹׂת־הַפֶּסַח בַּיּוֹם הַהוּא וַיִּקְרְבוּ לִפְנֵי מֹשֶׁה וְלִפְנֵי אַהֲרֹן בַּיּוֹם הַהוּא: ז וַיֹּאמְרוּ הָאֲנָשִׁים הָהֵמָּה אֵלָיו אֲנַחְנוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם לָמָּה נִגָּרַע לְבִלְתִּי הַקְרִיב אֶת־קָרְבַּן

מְסָאֲבִין לִטְמֵי נַפְשָׁא דֶאֱנָשָׁא וְלָא יְכִילוּ לְמֶעְבַּד פִּסְחָא בְּיוֹמָא הַהוּא וְקָרִיבוּ קֳדָם מֹשֶׁה וְקֳדָם אַהֲרֹן בְּיוֹמָא הַהוּא: ז וַאֲמָרוּ גֻּבְרַיָּא הָאִנּוּן לֵהּ אֲנַחְנָא מְסָאֲבִין לִטְמֵי נַפְשָׁא דֶאֱנָשָׁא לְמָא נִתְמְנַע בְּדִיל דְּלָא לְקָרָבָא יָת

הו"א ולא יכלו אם:

## רש"י

מעשה: (ו) לפני משה ולפני אהרן. (ספרי) כששניהם יושבין בבית המדרש באו ושאלום ולא יתכן לומר זה אחר זה שאם משה לא היה יודע אהרן מנין לו: (ז) למה נגרע. (שם) אמר להם אין קדשים קרבים בטומאה אמרו לו יזרק הדם מ עלינו בכהנים טהורים ויאכל הבשר לטמאים (ס"א לטהורים כ"ג רא"ם) אמר להם עמדו ואשמעה כתלמיד המובטח לשמוע מפי רבו. אשרי ילוד אשה שכך מובטח שכל זמן שהיה רוצה היה מדבר עם השכינה (סנהדרין פ"ק)

## בית יהודא

מאכען יום טוב, הט משה נאך אמאל געזאגט צו די יודען די דינים פון יום טוב: (ו) ולפני משה ולפני אהרן. זאגט רש"י (כששניהם יושבים בבית המדרש באו ושאלום) ווען משה מיט אהרן זענען געזעסן אין בית המדרש זענען דיא מענטשן געקומען אונ האבן געפרעגט ביי ביידע צוזאמען (ולא יתכן לומר זה אחר זה) מען קען ניט זאגען זיי האבן פריער געפרעגט ביי משה נאכדעם האבן זיי געפרעגט ביי אהרן (שאם משה לא היה יודע) אז די מענטשן האבן געזעהן משה ווייס ניט דעם דין, וואס זענען זיי געגאנגען צו אהרן פרעגן ביי אים דעם דין (אהרן מנין לו) פון וואנען וועט אהרן וויסען, נאר געווים איז ניט אזוי געווען, נאר משה מיט אהרן זענען געזעסן צוזאמען אונ מען הט געפרעגט ביידע מיט איין מאל: (ז) ולמה נגרע. זאגט רש"י (אמר להם) משה הט צו זיי געזאגט (אין קדשים קרבין בטומאה) מען איז ניט מקריב אקרבן ווען מען איז טמא (ואמרו לו) האבען זיי געזאגט צו משה (יזרק הדם עלינו בכהנים טהורים) זאלן כהנים וואס זענען טהור שפריצען די בלוט פון קרבן פסח פון אונזערטוועגן (ויאכל הבשר לטמאים) נאכדעם וועלן מיר עסן דם פלייש פון קרבן פסח אפילו ווען מיר זענען טמא (אמר להם) הט משה צו זיי געזאגט (עמדו ואשמעה) שטייט אונ וואַרט איך וועל באלד הערן וואס הקב"ה וועט זאגען (כתלמיד המובטח לשמוע דבר מפי רבו) ווי אתלמיד איז זיכער אז ער וועט הערען איין אנטוואָרט פון זיין רבי (אשרי ילוד אשה שככך מובטח) וואוי דעם מענטש וואס ער איז אזוי זיכער (שכל זמן שהוא רוצה היה מדבר עם השכינה) צוא יעדער צייט

## שפתי חכמים

וידבר משה וגו' לא הל"ל אלא ויעשו בנ"י את הפסח וגו' דמסתמא כיון שלוה לו הקב"ה שידבר ודאי הוא שאמר להם ליווי הש"י דהא בתחלת הסדר כתיב דבר אל אהרן ואמרת אליו וגו' וכתיב אחרי כן ויעש כן אהרן וגו' ולא מלינו בקרא שדבר משה אל אהרן ליווי השם ית"ש אלא מסתמא הוא שאמר לו ליווי השם מדכתיב אחר זה ויעש אהרן וגו' וכן מה שכתוב וידבר ה' אל משה קח את הלוים ולא מלינו שאמר להם משה לישראל ליווי השם אלא סמך הקרא על מה שכתיב אחר זה ויעש משה ואהרן וכל עדת בנ"י ונומר וכן בפרשת ויהי אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם וגומר ש"מ שדבר לו השם דיני פסח שני ולא מלינו שאמר להם משה אלא מסתמא אמר להם אם כן למה נאמר וידבר משה וגו' היה לו לסמוך אחריו ויעשו את הפסח וגו' ואין לומר דקודם לכן לא אמר להם דיני פסח ועכשיו הוא אמר להם מש"ה כתיב וידבר משה והא כבר כתיב וידבר משה את מועדי ה' וגו' מש"ה דרשו מה שדרשו אלא כשמע וכו' כן נראה לי: ם דק"ל למה אמרו למה נגרע הרי טמאים היו וטמא אסור להקריב קרבן בימי טומאתו ולמה היה ספק למשה שאמר להם עמדו ואשמעה וגו' ואיך שכח משה פרשת שילוח טמאים שנאמר לו בראש חדש ניסן. ומתרץ הין וכו' ועיקר שאלתו היה רק על זריקת הדם עליהם בטומאה

## פירוש לתורת אלהים

זענען גיוועזן אום ריין לְנֶפֶשׁ אָדָם זיי האבן זיך מטמא גיוועזן צו אמת וְלֹא יָכְלוּ אונ זיי האבן ניט גקאנט לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח מאכען דעם קרבן פסח בַּיּוֹם הַהוּא אין דעם טאג ווארום דר מענטש וואס איז טמא טאר ער דעם קרבן פסח ניט עסן וַיִּקְרְבוּ אונ זיי האבן גינעהנט לִפְנֵי מֹשֶׁה פר משה אונ פר אהרן בַּיּוֹם הַהוּא אין דעם טאג (עיין רש"י): (ז) וַיֹּאמְרוּ הָאֲנָשִׁים האבען די לייט גזאגט צו משה אֲנַחְנוּ טְמֵאִים מיר זענען אום ריין מחמת מיר האבן זיך מטמא גיוועזן צו אטוט לייב פרעגין מיר דיך לָמָּה נִגָּרַע ווארום זאלען מיר זיין גימינערט לְבִלְתִּי הַקְרִיב מיר זאלן ניט מקריב זיין אֶת קָרְבַּן ה' דעם קרבן פון גאט דעם קרבן פסח בְּמֹעֲדוֹ

## ליקוטי יוסף

(ו) אֲנַחְנוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם לָמָּה נִגָּרַע וגו'. מפרשי התורה פרעגין זיי אליין זאגן מיר זענען טמא, ווייסען זייא דאך אז אטמא טאר ניט עסין דעם קרבן פסח, פר וואס האבן זיי געפרעגט ביי משה, פר וואס זאלן מיר ניט מאכן דעם קרבן פסח? זיי אליין זאגן דאך מיר זענען טמא, חייל זיי זענען טמא דריבער דארפן זיי ניט מאכן דעם קרבן פסח. נאר זייא האבן געפרעגט בייא משה צווי שאלות, איין מאל חייסען מיר עם ווענן דא צווייערלייא טומאות, אטומאה וואס גייט ארויס פון מענטש, אמצורע. אזב. די זענען שווערע טומאות, עס איז דא אטומאה פון אנדירן, מען רירט אן אשרץ, אנבלה, אמת, די זענען גרינגערע טומאות, דריבער האבען זיי גיזאגט צו משה מיר זענען ניט מצורעים אונ ניט זבים, מיר זענען נאר טמא פון אנדירן אמת, צווייטונס אטמא טאר ניט עסין דעם קרבן פסח, אבער מקריב זיין דעם קרבן פסח פר וואס זאלן מיר ניט, מיר וועלן דאך דעם שעפס גאר ניט אנרירן, די כהנים וועלן אים שעכטין, זיי וועלן שפריצען דיא בלוט אוף דעם מזבח, די חלב וועלן זיי פארברענען אויף דעם מזבח, צו דיא פלייש עסין וועלען מיר בעשטעלן מענטשין וואס זאלן עסין די פלייש פון אונזער קרבן פסח, דריבער האבען זייא גזאגט למה נגרע, פר וואס זאלן מיר גשטלט ווערן, לבלתי הקריב וגו'

# יְהוָה בְּמֹעֲדוֹ בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃
ח וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מֹשֶׁה עִמְדוּ
וְאֶשְׁמְעָה מַה־יְצַוֶּה יְהוָה לָכֶם׃ פ
ט וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃
י דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר אִישׁ
אִישׁ כִּי־יִהְיֶה טָמֵא לָנֶפֶשׁ אוֹ בְדֶרֶךְ

**אונקלוס**
קֻרְבָּנָא דַיָי בִּזְמַנֵּהּ בְּגוֹ
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ ח וַאֲמַר
לְהוֹן מֹשֶׁה אוֹרִיכוּ עַד
דְּאֶשְׁמַע מָה דְּאִתְפַּקַּד
קֳדָם יְיָ עַל דִּי לְכוֹן׃
ט וּמַלִּיל יְיָ עִם מֹשֶׁה
לְמֵימָר׃ י מַלֵּל עִם בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל לְמֵימָר גְּבַר גְּבַר
אֲרֵי יְהֵי מְסָאַב לִטְמֵי
נַפְשָׁא דֶּאֱנָשָׁא אוֹ

**תו"א** איש איש כי יהיה טמא פסחים סו סו ל לב זבחים כט בכורות ל: או בדרך רחקה לכם פסחים פא נזיר סג :

## בעל הטורים

(י) טמא לנפש. יש פסיק בין טמא לנפש לומר לך שיש חילוק בין הטמאים איש נדחה ואין לבור נדחין: (או בדרך) רחקה נקוד זהו

## בית יהודא

וואס ער האט געוואלט האט ער גערעדט מיט הקב"ה, זאגט רש"י (וראויה היתה פרשה זו ליאמר על ידי משה) די פרשה האט געדארפט געזאגט ווערן דורך משה (כשאר התורה כולה) ווי די גאנצע תורה (אלא שזכו אלו שתאמר על ידיהן) נאר די מענטשן האבן זוכה געווען דיא פרשה זאל געזאגט ווערן דורך זייא (שמגלגלין זכות על ידי זכאי) אפרומער מענטש ברייגט טובות אונ מצות פאר נאך מענטשען: (י) (או בדרך רחוקה). זאגט רש"י (נקוד עליו) אויף דעם ווארט רחוקה איז געפינטעלט (לומר) צו זאגן (לא שרחוקה ודאי) מען מיינט ניט אז ער איז אמת ווייט פון משכן אדער פון בית המקדש; אין די צייט וואס מען דארף מאכען דעם קרבן פסח (אלא שהיה חוץ לאסקופת העזרה כל זמן שחיטה) נאר אפילו ער איז געווען נעבן די שוועל נעבן דיא טירן פון הויף פון משכן אדער פון בית המקדש נאר וועגען אסבה האט ער ניט געקענט אריין קומען אין הויף אין די גאנצע צייט וואס מען דארף שעכטן דעם קרבן פסח, דארף ער מאכן אקרבן פסח דעם פירצענטען טאג אין חודש אייר, דאס הייסט פסח שני, זאגט רש"י (פסח שני מצה וחמץ עמו בבית) ווען ער מאכט דעם פסח שני, דארף ער נאר עסען מצה מיט דעם קרבן פסח, אונ ער מעג האבן חמץ אין שטוב (ואין שם יום טוב) אונ דער טאג איז ניט יום טוב (ואין אסור חמץ אלא עמו באכילתו) נאר מיט דעם קרבן פסח צוזאמען טאר מען ניט עסן חמץ, אבער איידער ער עסט דעם קרבן פסח, אדער באלד ווי ער האט אפגעגעסן דעם קרבן פסח מעג ער עסן

## רש"י

וראויה היתה פרשה זו להאמר ע"י משה כשאר כל התורה כולה אלא שזכו אלו שתאמר על ידיהן שמגלגלין זכות ע"י זכאי: (י) או בדרך רחקה. נקוד עליו לומר לא שרחוקה ודאי אלא שהיה חוץ לאסקופת העזרה כל זמן שחיטה. פסח שני מצה וחמץ עמו בבית ואין שם יו"ט ואין איסור חמץ

## שפתי חכמים

כדם חטאת שהיא קדשי קדשים ובכרה נאכל לטהורים כל שכן פסח שהוא קל: נ מקבין העולם איך תולה זה כמה שפירש לעיל מוניה. וי"ל דאי לא פירש אברי ילוד אשה וכו' הייתי אומר דמה שלא נאמרה פרשה זו כשם משה הוא לגנותו של משה שאמר כל הדבר הקשה וגו' אבל עכשיו שפירש אברי ילוד אשה וגו' שהקרא מדבר בכבודו של משה אם כן למה לא נאמרה פרשה זו כשם משה ל"פ וראויה וכו': ס ואם תאמר למה נאמר רחוקה וכו' וי"ל שאם נאמר בדרך ולא רחוקה הייתי אומר דוקא אם הוא רחוק אז יעשה פסח שני אבל אם הוא חוץ לאסקופת העזרה לא לכך כ' רחוקה ונקדו לנדרש אתא לא רחוקה ממש כמו שפירשתי לעיל גבי לרעות את צאן וק"ל: ע ואם

## ליקוטי יוסף

וגו' מיר זאלן ניט מקריב זיין דעם קרבן פסח, זאל זיין ניט עסין פון קרבן פסח, אבער מקריב זיין דעם קרבן פסח ווילן מיר. ווי משה האט געזעהן זייערע מכוונות זענען מיט אמת. אונ זיי האבן גרויס צער וואס זייא קענען ניט מקריב זיין דעם קרבן פסח, אונ אז אמענטש טראכט מיט אמת צו טאן אמצוה, אונ עס טרעפט אים אזאך וואס ער קען ניט טאהן די מצוה, איז ביי הקב"ה אנגענומען די גוטע מחשבה (טראכטונג) גלייך ווי ער וואלט דיא מצוה געטאהן, דריבער האט משה געזאגט צוא זיי איר זאלט ווארטין איך וועל הערן מה יצוה ה' לכם, וואס הקב"ה וועט געביטן צו אייך, נאר צו אייך, ווייל די מצוה פון קרבן פסח איז ביי הקב"ה שון גערעכנט גלייך ווייא איר וואלט זיא שון געטאהן, נאר ווייל איר בענקענט אייך ניט מיט דעם טראכטן אליין. דריבער האט הקב"ה געזאגט איר זאלט מאכען אקרבן פסח אין דעם אנדערען חודש (אין חודש אייר) וויא עס שטייט אין דיא פסוקים:

## פירוש לתורת אלהים

אין זיין צייט בתוך בני ישראל צווישן די יודן [פיין רש"י]: (ח) ויאמר האט משה צו זיי געזאגט עמדו שטייט אונ ווארט ביז איך וועל פרעגען השי"ת ואשמעה אונ איך וועל הערן מה יצוה וואס גאט וועט צו אייך געביטען: (ט) וידבר יי האט גאט גירעדט צו משה אזו צו זאגן: (י) דבר רייד צו די יודען אונ זאלסט זיי אזו זאגן איש אמענטש אז ער וועט זיין אום ריין לנפש מחמת ער האט זיך מטמא גיוועזן צו אטויט

## מצות השם

(שס שפא שפב שפג) איש איש כי יהיה וגו'. דאס איז דיא מצוה אז דער מענטש וואס ער האט ניט געקענט מאכען דעם קרבן פסח אום (ערב פסח) דהיינו, ער איז געוועזען אום ריין ער האט אן גערירט אן איין טויט לייב אדער ער איז געוועזען אין איין ווייטען וועג זאל ער מאכען דעם קרבן פסח אום (פסח שני) אינו דעם פערצעטען טאג אין חודש אייר צווישען דיא אבינטען זאל ער אים מאכען אונ עס איז אמצוה אז ער זאל אים עסן אונ ער זאל פון דעם קרבן ניט איבער לאזען ביז אין דער פריא אונ ווידער טאר מען ניט צו ברעכין איין ביין פון דעם קרבן פסח אונ דיא מצוה גייט אן ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען:

רְחֹקָה נקוד על ה׳ לָכֶם אוֹ לְדֹרֹתֵיכֶם
וְעָשָׂה פֶסַח לַיהֹוָה׃ יא בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי
בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר יוֹם בֵּין הָעַרְבַּיִם
יַעֲשׂוּ אֹתוֹ עַל־מַצּוֹת וּמְרֹרִים
יֹאכְלֻהוּ׃ יב לֹא־יַשְׁאִירוּ מִמֶּנּוּ עַד־
בֹּקֶר וְעֶצֶם לֹא יִשְׁבְּרוּ־בוֹ כְּכָל־
חֻקַּת הַפֶּסַח יַעֲשׂוּ אֹתוֹ׃ יג וְהָאִישׁ
אֲשֶׁר־הוּא טָהוֹר וּבְדֶרֶךְ לֹא־הָיָה
וְחָדַל לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח וְנִכְרְתָה
הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מֵעַמֶּיהָ כִּי קָרְבַּן יְהֹוָה
לֹא הִקְרִיב בְּמֹעֲדוֹ חֶטְאוֹ יִשָּׂא
הָאִישׁ הַהוּא׃ יד וְכִי־יָגוּר אִתְּכֶם גֵּר

בְּאָרְחָא רְחִיקָא לְכוֹן אוֹ
לְדָרֵיכוֹן וְיַעְבֵּד פִּסְחָא
קֳדָם יְיָ׃ יא בְּיַרְחָא
תִנְיָנָא בְּאַרְבְּעַת עַשְׂרָא
יוֹמָא בֵּין שִׁמְשַׁיָּא יַעְבְּדוּן
יָתֵהּ עַל פְּטִיר וּמְרָרִין
יֵיכְלֻנֵּהּ׃ יב לָא יַשְׁאֲרוּן
מִנֵּהּ עַד צַפְרָא וְגַרְמָא
לָא יְתַבְּרוּן בֵּהּ כְּכָל
גְּזֵרַת פִּסְחָא יַעְבְּדוּן
יָתֵהּ׃ יג וְגַבְרָא דְהוּא
דְכֵי וּבְאוֹרַח לָא הֲוָה
וְיִתְמְנַע לְמֶעְבַּד פִּסְחָא
וְיִשְׁתֵּיצֵי אֱנָשָׁא הַהִיא
מֵעַמַּהּ אֲרֵי קֻרְבָּנָא
דַיְיָ לָא קָרֵיב בְּזִמְנֵהּ
חוֹבֵהּ יְקַבֵּל גַּבְרָא
הַהוּא׃ יד וַאֲרֵי יִתְגַּיַּר

תו"א בחדש השני וגו׳ פסחים כג : על מצות פסחים ל לה קטו קכ קידושין מ : לא ישאירו פסחים לה : ועצם לא שם פד : ככל חקת הפסח יעשו אתו שם לא לא יומא לא עבתים פט : והאיש אשר הוא טהור פסחים פט לג : וחדל לעשות הפסח שם לג : ונכרתה הנפש שם לא : חטאו ישא שם כריתות ז :

## בעל הטורים

מאסקופה שעל הי"א נקוד כאילו לא נכתב : ועשה פסח לה׳ בחודש השני. לפי שכשמעברים השנה אז אייר במקום ניסן ולפי שבחמשה עשר בו ירד המן לכך עושים בו פסח יום א׳ : (יג) ובדרך. ד׳ במסורה הכא ואידך וילך בדרך אביו ובדרך אמו ובדרך ירבעם בן נבט ואידך ובדרך חטאים לא עמד וזה הוא ובדרך לא הי׳ וחדל לעשות הפסח שעושה כדרך שעשה ירבעם שהלך בדרך חטאים שבטל הקרבנות והחטיא את ישראל גם זה שאינו בדרך ומבטל מלעשות הפסח : וחדל. ב׳ במסורה הכא ואידך וחדל לעולם דפסח בכרת וזה הוא וחדל לעולם לעולמו של יובל דהיינו חמשים שנה כדין חייבי כריתות דלא מפקי חמשים : ונכרתה הנפש ההוא. ס"ת אשה לומר לך

## רש"י

אלא עמו באכילתו : (יד) וכי יגור אתכם גר ועשה פסח. (פסחים צג. ספרי) יכול כל המתגייר יעשה פסח מיד ת"ל חקה אחת וגו׳ אלא כך משמעו וכי יגור אתכם גר ובא עת לעשות פסח עם חביריו כחקה וכמשפט יעשה:

## בית יהודא

חמץ : (יד) וְכִי יָגוּר אִתְּכֶם גֵּר וְעָשָׂה פֶסַח, זאגט רש"י יכול כל המתגייר יעשה פסח מיד) איך וואלט מיינען יעדער גוי וואס ווערט איוד זאל ער באלד מאכען אקרבן פסח (תלמוד לומר חקה אחת) זאגט די תורה איין דין זאל זיין ביי אייך יודען מיט דעם גר צוזאמען (אלא כך משמעו) נאר אזוי מיינט דר פסוק (וכי יגור אתכם גר) אויב מיט אייך וועט וואוינען אגר נאגוי וואס איז געווארען איודו (ובא עת לעשות פסח עם חבריו) אונ עס וועט קומען דיא צייט צו מאכען אקרבן פסח מיט יודען צוזאמען (כחקתו וכמשפטו יעשה)

## שפתי חכמים

תאמר והאיך סמך זה אדלעיל מיניה . וי"ל דק"ל ל"ל הנקודה ללמד שאפילו אינו אלא חוץ לאסקופת העזרה נקרא רחוק ויעשה פסח שני בלאו נקידה נמי יש ללמוד זה מדסמיך דין רחוקה אל דין טמא שהיה טמא נלמד מהיקשא מהדדי מה טמא אפילו היה כעיר כיון שהוא חוץ לעזרה

## פירוש לתורת אלהים

לייב או אדער ער וועט זיין בדרך רחוקה אין אווייטען וועג (עיין רש"י) לכם צו אייך או אדער לדורותיכם צו אייערע דורות ועשה זאל ער מאכען אקרבן פסח צו גאט : (יא) בחודש השני אין דעם אנדערן חודש בארבעה עשר יום אין פערצעטען טאג אין חודש בין הערבים צווישען די אבענטען יעשו אותו זאלען זיי אים מאכען על ביי מצות אום געזייערטע קוכען ומרורים אונ ביטערע קרייטעכצער יאכלוהו זאלען זיי אים עסין : (יב) לא ישאירו זיי זאלען ניט לאזין פון אים ביז מארגן פריא ועצם אונ אביין זאלן זיי אין אים ניט צו ברעכען ככל חוקת הפסח אזוי ווי אלע די געזעץ פון דעם קרבן פסח יעשו אותו זאלן זיי אים מאכען : (יג) והאיש אונ דר מענטש וואס איז טהור ובדרך אונ איז ניט געוועזען אין וועג וחדל אונ וועט ניט מאכען דעם קרבן פסח ונכרתה הנפש וועט פר שניטען ווערן דם לייב פון איר פאלק דר מענטש איז חייב כרת כי קרבן יי׳ ווייל ער האט ניט מקריב געוועזן דעם קרבן פון גאט אין זיין צייט חטאו דר מענטש וועט ליידען זיין זינד : (יד) וכי יגור אתכם גר אונ אז עס וועט וואוינען מיט אייך אגר ווען איינער וועט זיך

מגייר

וְעָשָׂה פֶסַח לַיהוָה כְּחֻקַּת הַפֶּסַח
וּכְמִשְׁפָּטוֹ כֵּן יַעֲשֶׂה חֻקָּה אַחַת
יִהְיֶה לָכֶם וְלַגֵּר וּלְאֶזְרַח הָאָרֶץ׃ ס
רביעי טו וּבְיוֹם הָקִים אֶת־הַמִּשְׁכָּן
כִּסָּה הֶעָנָן אֶת־הַמִּשְׁכָּן לְאֹהֶל
הָעֵדֻת וּבָעֶרֶב יִהְיֶה עַל־הַמִּשְׁכָּן
כְּמַרְאֵה־אֵשׁ עַד־בֹּקֶר׃ טז כֵּן יִהְיֶה
תָמִיד הֶעָנָן יְכַסֶּנּוּ וּמַרְאֵה־אֵשׁ
לָיְלָה׃ יז וּלְפִי הֵעָלֹת הֶעָנָן מֵעַל

עִמְּכוֹן גִּיּוֹרָא וְיַעְבֵּד
פִּסְחָא קֳדָם יְיָ כִּגְזֵרַת
פִּסְחָא וּכְדִחְזֵי לֵיהּ כֵּן
יַעְבֵּד קְיָמָא חַד יְהֵי
לְכוֹן וּלְגִיּוֹרָא וּלְיַצִּיבָא
דְאַרְעָא׃ טו וּבְיוֹמָא
דְאִתָּקַם יָת מַשְׁכְּנָא חֲפָא
עֲנָנָא יָת מַשְׁכְּנָא
לְמַשְׁכְּנָא דְסָהֲדוּתָא
וּבְרַמְשָׁא הֲוָה עַל
מַשְׁכְּנָא כְּחֵיזוּ אֶשָּׁתָא
עַד צַפְרָא׃ טז כֵּן הֲוָה
תְדִירָא עֲנָנָא חָפֵי לֵיהּ
וְחֵיזוּ אֶשָּׁתָא בְּלֵילְיָא׃
יז וּלְפוּם אִסְתַּלָּקוּת עֲנָנָא

תו"א וביום הקים את המשכן שבועות טו:

## בעל הטורים

אחד האיש ואחד האשה בכלל עושין: (טו) וביום הקים את המשכן. ז' פעמים כתיב בפרשה כנגד ז' משכנות: ובערב. ד' במסרה הכא ואידך ובערב תאמר מי יתן בקר ומקטירים לה' וגו' בבקר ובערב. ובערב חתר ל' בקיר ביחזקאל שהיה מתנבא על הגלות זוהו ובערב חתרתי לי בקיר כשילאו בגולה תאמר מי יתן ערב כההיא ערב שנאמר בו מקטירים לה' בבקר ובערב וכמראה אש עד בקר: (יז) העלות. ב' העלות הענן עד העלות הגולה זהו שאמרו ראוין היו שיעשה להם נס בימי עזרא כדרך שנעשה להם בימי משה אלא שגרם

## בית יהודא

זאל דר גר מאכן דעם קרבן פסח מיט אלע דינים גלייך ווי אלע יודען מאכן: (טו) והמשכן לאהל העדות. זאגט רש"י מען מיינט (המשכן העשוי להיות אהל ללוחות העדות) דר משכן וואס ער איז געמאכט געווארן ער זאל זיין אנגעצעלט צו די לוחות וואס זענען אינוועניג: ויהיה על המשכן. זאגט רש"י מען זאל ניט טייטשען "יהיה" ער וועט זיין, נאר (כמו) גלייך ווי עס וואלט געשטאנען (הוה על המשכן) ער איז שטענדיג אויף דעם משכן (וכן לשון כל הפרשה כולה) אונ דיא גאנצע פרשה ווערט אזוי געטייטשט ניהיה, ער איז: יסעו. זייא ציען: יחנו. זייא רוען: ישכן. ער רוהט: (יז) והעלות הענן. זאגט רש"י (כתרגומו) ווי דר תרגום טייטשט (אסתלקות) אפגעטאן ווערן וכן ונעלה הענן) איז אויך דערטייטש דער וואלקען איז אפגעטאן ווערן, זאגט

## רש"י

(טו) המשכן לאהל העדות. המשכן העשוי להיות אהל ללוחות העדות: יהיה על המשכן. כמו הוה על המשכן וכן כל לשון הפרשה: (יז) העלות הענן. כתרגומו אסתלקות וכן ונעלה הענן ולא יתכן לכתוב

## שפתי חכמים

עושה פסח שני אף מה דכתיב או שהוא בדרך רחוקה אפילו הוא חוץ לעזרה שהוא עושה פסח שני וא"כ קשה נ"ל הנקודה ואפילו גלות רחוקה כמי א"ל לפי מה שפירשתי לעיל. ומתרץ דלתא לאשמועינן הנקודה דאף פסח שני אם היה חוץ לאסקופת העזרה כל זמן שחיטת הפסח לא יעשה פסח שני. ואין להקשות פשיטא מה"ת לחלק. ומתרץ כיון שמצינו דבלא"ה ימי חלוקים הם דהא פסח שני גלה ותאין עמו בבית וכו' אם כן ה"א כהא נמי יש לחלק מ"ה כאה הנקודה: פ דקשה לרש"י דהא משכן הוא היריעות התחתונות כמו שפרש"י בפ' במדבר ואהל הם יריעות עזים אשר עליהם ואיך נאמר המשכן לאהל שמשמעותו שהמשכן הוא צורך אהל לכן פי' העשויה לאהל וכו' וק"ל. והרא"ם פי' הוסיף מלת העשוי קודם מלת לאהל מפני שלמ"ד לאהל מורה על סיבה התכליתית כאלו אמר להיות אהל וכוולת תוספת מלת העשוי היה נראה שהסיבה התכליתית דבקה עם מלת כסה לו' כסה הענן את המשכן כדי להיות אהל אבל עם מלת העשוי תהיה הסיבה התכליתית דבקה עם המשכן שהמשכן עשוי כדי להיות אהל ומלת להיות הוא פי' למ"ד לאהל ומה שהוסיף מלת ללוחות העדות מפני שהלוחות הם עדות לישראל ולא האהל משא"כ גבי משכן העדות שפירש"י שהוא עדות לישראל וכו' מפני שמלת משכן מורה על השכינה ששוכן כתוגנו משא"כ מלת לאהל. (נח"י) כבר בארתי היטיב ריש פ' תרומה דלפעמים קורא ללוחות העדות ולפעמים קורא להתורה העדות ולפעמים קורא למשכן העדות וע' גם ריש פרשת פקודי ובשא"מ: צ (ג"א) מפני שכל הפרשה מורה על ההוה בכל יום תמיד ככתוב כן יהיה תמיד דאין מדרך הל' לומר כסה הענן את המשכן לשון עבר ואחר כך ובערב יהיה על המשכן ל' עתיד שאין זה נמשך מזה ומ"ש יהיה לשון עתיד עיין לעיל פ' בשלח בפסוק או ישיר: ק ולא מלשון עלייה דא"ם כן ולפי עלות הענן מבע"ל שהוא מכנין סקל ולא העלות

## פירוש להורת אלהים

מגייר זיין ועשה זאל ער מאכן אקרבן פסח צו גאט מיט אלע יודען גלייך ווען דיא צייט וועט קומען כחוקת הפסח אזו וויא די גיזעץ פון דעם קרבן פסח וכמשפטו אונ אזו וויא זיין גירעכט כן יעשה אזו זאל דר גר טאן חוקה אחת איין גיזעץ יהיה זאל זיין לכם צו אייך ולגר אונ צו אגר ולאזרח הארץ אונ צו איין אלט גיזעסינר פון דעם לאנד: (טו) וביום אונ אין דעם טאג אז דר משכן איז אויף גישטעלט גווארן כסה הענן האט דר וואלקן בדעקט דעם משכן לאוהל העדות וואס דר משכן איז גיוועזן אגיצעלט אוף די לוחות עדות ובערב אונ אין אלע אבינט יהיה פלעגט זיין אויף דעם משכן כמראה אש אזו ווי אגישטאלט פון פייער עד בוקר ביז אין דער פרי: (טז) כן יהיה אזו איז גיוועזן אלע טאג הענן יכסנו דר ענן פלעגט בדעקען דעם משכן ומראות אונ אגישטאלט פון פייער איז גיוועזן אלע נעכט איבער דעם משכן: (יז) ולפי אונ נאך דעם העלות אז דר ענן האט זיך אפ גיטאן פון דעם אוהל ואחרי כן האבן דער נאך

הָאֹהֶל וְאַחֲרֵי כֵן יִסְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וּבִמְקוֹם אֲשֶׁר יִשְׁכָּן־שָׁם הֶעָנָן שָׁם
יַחֲנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: יח עַל־פִּי יְהוָה
יִסְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְעַל־פִּי יְהוָה יַחֲנוּ
כָּל־יְמֵי אֲשֶׁר יִשְׁכֹּן הֶעָנָן עַל־
הַמִּשְׁכָּן יַחֲנוּ: יט וּבְהַאֲרִיךְ הֶעָנָן
עַל־הַמִּשְׁכָּן יָמִים רַבִּים וְשָׁמְרוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל אֶת־מִשְׁמֶרֶת יְהוָה וְלֹא
יִסָּעוּ: כ וְיֵשׁ אֲשֶׁר יִהְיֶה הֶעָנָן יָמִים

מֵעִלָּוֵי מַשְׁכְּנָא וּבָתַר
כֵּן נָטְלִין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וּבְאַתְרָא דְּשָׁרֵי תַמָּן
עֲנָנָא תַּמָּן שָׁרַן בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל: יח עַל מֵימְרָא
דַיְיָ נָטְלִין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וְעַל מֵימְרָא דַיְיָ שָׁרַן כָּל
יוֹמֵי דִּי שָׁרֵי עֲנָנָא עַל
מַשְׁכְּנָא שָׁרָן:
יט וּבְאוֹרְכוּת עֲנָנָא עַל
מַשְׁכְּנָא יוֹמִין סַגִּיאִין
וְיִטְּרוּן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יָת
מַטְּרַת מֵימְרָא דַיְיָ וְלָא
נָטְלִין: כ וְאִית דִּי הֲוָה
עֲנָנָא יוֹמֵי דִמְנְיָן עַל

תר"א על פי ה' יחנו שבם לא עירובין נה ז

### בעל הטורים

המעא: ובמקום. ב' במסורה הכא ואידך ובמקום גדולים אל תעמוד שלא היו נכנין לא לפניהם ולא לצדדיהם אלא לאחוריהם זהו ובמקום

### רש"י

ולפי עלות הענן ועלה הענן שאין זה לשון סלוק אלא למוח ועלייה כמו (מלכים א יח) והנה עב קטנה ככף איש עולה מים: (יח) על פי ה' יסעו. שנינו במלאכת המשכן כיון שהיו ישראל נוסעים היה עמוד הענן מתקפל ונמשך על גבי בני יהודה כמין קורה תקעו והריעו ותקעו ולא היה מהלך עד שמשה אומר קומה ה' ונסע דגל מחנה יהודה זו ר בספרי: ועל פי ה' יחנו. כיון שהיו ישראל חונים עמוד הענן מתמר ועולה ונמשך על גבי בני יהודה כמין סוכה ולא היה נפרש עד שמשה אומר שובה ה' רבבות אלפי ישראל הוי אומר ע"פ ה' וביד משה: (כ) ויש. כלו' ופעמים:

### בית יהודא

רש"י (וְלֹא יָתֵּן לִכְתּוֹב) דֶר פָּסוּק קֶען נִיט שְׁרַייבְּן וּלְפִי עֲלוֹת הֶעָנָן, וְעָלָה הֶעָנָן (לְפִי שֶׁאֵין זֶה לָשׁוֹן סִלּוּק) נַייל „עֲלוֹת" אוּנ „וְעָלָה" אִיז נִיט דֶערְטַייטְשׁ אָפְּגֶעטְאָן (אֶלָּא לְשׁוֹן צְמוּחַ וַעֲלִיָּה) נָאר אוֹיפְגֶעוואקְסֶן, אוֹיפְגֶעגַאנְגֶן (כְּמוֹ) ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וְהִנֵּה עָב קְטַנָּה כְּכַף אִישׁ עוֹלָה מַיִם) אַקְלֵיינֶער יאַלְקֶן ווי כַּף אִישׁ גֵייט־אוֹיף פוּן מֶערֶב זֵייט וְדִי בְּרֵייטֶע שְׁטִיקֶל הַאנְט ווָס מִיט דִי פִינְגֶער, ווֶערְט גֶערוּפְֿען כַּף: (יח) וְעַל פִּי ה' יִסְעוּ. זָאגְט רש"י (שָׁנִינוּ בִּמְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן) מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי בְּרַיְיתָא ווָס שְׁטֵייט דִי אַרְבֶּעט פוּן מִשְׁכָּן (כֵּיוָן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל נוֹסְעִים) ווֶען דִי יוּדְען הָאבְּן גֶעצוֹיגֶען (הָיָה עַמּוּד הֶעָנָן מִתְקַפֵּל) הָאט דֶר ווָאלְקֶן זִיךְ פַארְווִיקֶלְט (וְנִמְשַׁךְ עַל גַּבֵּי בְּנֵי יְהוּדָה כְּמִין קוֹרָה) אוּנ עֶר הָט זִיךְ גֶעצוֹיגֶען אוֹיף דֶעם שֵׁבֶט יְהוּדָה אַזוֹי ווִיא אַבֶּעלְקֶע (תָּקְעוּ וְהֵרִיעוּ וְתָקְעוּ) הָאט מֶען גֶעבְּלָאזֶען אַתְּקִיעָה אוּנ אַתְּרוּעָה אוּנ אַתְּקִיעָה (וְלֹא הָיָה מְהַלֵּךְ) דִי מַחֲנֶה אִיז נִיט גֶעגַאנְגֶן (עַד שֶׁמֹּשֶׁה אָמַר קוּמָה ה') בִּיז מֹשֶׁה הָט גֶעזָאגְט דִי ווֶערְטֶער קוּמָה ה' ווִיא עֶס שְׁטֵייט ווַייטֶער פָּסוּק לה. בָּאקְדֶעם (וְנָסַע דֶּגֶל מַחֲנֵה יְהוּדָה) הָט גֶעצוֹיגֶען דֶער פָאן פוּן מַחֲנֶה יְהוּדָה: וְעַל פִּי ה' יַחֲנוּ. זָאגְט רש"י (כֵּיוָן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל חוֹנִים) ווֶען דִי יוּדְען הָאבְּן גֶערוּהְט (עַמּוּד הֶעָנָן מִתַּמֵּר וְעוֹלֶה) אִיז דֶער ווָאלְקֶן גְלַייךְ אוֹיפְגֶעגַאנְגֶן (וְנִמְשַׁךְ עַל גַּבֵּי בְּנֵי יְהוּדָה כְּמִין סוּכָּה) אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגֶען אוֹיף דִיא מַחֲנֶה שֵׁבֶט יְהוּדָה אוּנ עֶר הָט זֵיי בַּאדֶעקְט ווִי אַסוּכָּה (וְלֹא הָיָה נִפְרַשׂ) אוּנ דֶר ווָאלְקֶן הָט זִיךְ פוּן זֵיי נִיט אָפְּגֶעשֵׁיידְט (עַד שֶׁמֹּשֶׁה אָמַר) בִּיז מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט דִי ווֶערְטֶער שׁוּבָה ה' רִבְבוֹת אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל ווִיא עֶס שְׁטֵייט ווַייטֶער פָּסוּק לו (הֱוֵי אוֹמֵר עַל פִּי ה' בְּיַד מֹשֶׁה) דָאס מֵיינְט דֶר פָּסוּק יוּדְען הָאבְּן גֶעצוֹיגֶען אוּנ גֶערוּהְט ווָס אִיז גֶעשָׁאן גֶעווָארְען דוּרְךְ דִי רֵייד פוּן הקב"ה דוּרְךְ מֹשֶׁה: (כ) וְיֵשׁ. זָאגְט רש"י

### שפתי חכמים

פסוק ונכון נפעל: ר והא דאמר לעיל שנינו במלאכת המשכן זה הכל במשנה במלאכת המשכן עד תקעו והריעו ותקעו אבל מה שאמר

### פירוש לתורת אלהים

דִי יִשְׂרָאֵל גִיצוֹגֶן פוּן דֶעם אָרְט אוּנ זֶענֶען ווַייטֶער גִינַאנְגֶן וּבִמְקוֹם אוּנ־אוֹיף דֶעם אָרְט וואו דֶער עָנָן הָט גִירוּט שָׁם יַחֲנוּ דָארְטִין הָאבֶּן גִירוּט דִי יוּדִין: (יח) עַל פִּי יְיָ דוּרְךְ גָאטְס צְווֵי הָאבֶּען דִיא יִשְׂרָאֵל גִיצוֹגֶן אוּנ דוּרְךְ גָאטְס צְווֵי הָאבֶּן זֵיי גְרוּט ווָארוּם אַז דֶר עָנָן פוּן גָאט הָט אָפּ גִיטָאן פוּן דֶעם מִשְׁכָּן הָאבֶּען זֵיי גִיוואוּסְט אַז מֶען דַארְף אַוֶועק גֵיין פוּן דֶעם אָרְט אוּנ דָארְטֶען ווִי דֶר עָנָן פוּן גָאט הָט גִירוּט הָאבֶּן זֵיי גִיוִויסְט אַז מֶען דַארְף דָארְט רוּעֶן הֵייסְט דָם דוּרְךְ גָאטְס צְווֵי: (יט) וּבְהַאֲרִיךְ אוּנ אַז דֶר עָנָן הָט זִיךְ פַר לֶענְגֶערְט אוֹיף דֶעם מִשְׁכָּן עֶר הָט זִיךְ פַר זָאמְט אוּנ הָט גִירוּט אוֹיף דֶעם מִשְׁכָּן יָמִים רַבִּים פִיל טֶעג וְשָׁמְרוּ הָאבֶּן דִי יוּדֶן גִיהִיט אֶת מִשְׁמֶרֶת יְיָ דָם הִיטוּנְג פוּן גָאט זֵיי הָאבֶּן גְרוּט אַרוּם דֶעם מִשְׁכָּן וְלֹא יִסָּעוּ אוּנ הָאבֶּן נִיט גִיצוֹגֶן: (כ) וְיֵשׁ אוּנ עֶס אִיז גִיוֶועֶן אַצֵייט אֲשֶׁר יִהְיֶה הֶעָנָן ווָס דֶר עָנָן אִיז גִיוֶועֶן יָמִים מִסְפָּר ווֵיינִיג טֶעג אוֹיף דֶעם מִשְׁכָּן הָאבֶּן דִי יִשְׂרָאֵל דִי עֶטְלִיכֶע טֶעג אוֹיךְ גִירוּט עַל

מִסְפָּר עַל־הַמִּשְׁכָּן עַל־פִּי יְהוָה
יַחֲנוּ וְעַל־פִּי יְהוָה יִסָּעוּ׃ כא וְיֵשׁ
אֲשֶׁר יִהְיֶה הֶעָנָן מֵעֶרֶב עַד־בֹּקֶר
וְנַעֲלָה הֶעָנָן בַּבֹּקֶר וְנָסָעוּ אוֹ יוֹמָם
וָלַיְלָה וְנַעֲלָה הֶעָנָן וְנָסָעוּ׃ כב אוֹ־
יֹמַיִם אוֹ־חֹדֶשׁ אוֹ־יָמִים בְּהַאֲרִיךְ
הֶעָנָן עַל־הַמִּשְׁכָּן לִשְׁכֹּן עָלָיו יַחֲנוּ
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל וְלֹא יִסָּעוּ וּבְהֵעָלֹתוֹ
יִסָּעוּ׃ כג עַל־פִּי יְהוָה יַחֲנוּ וְעַל־פִּי
יְהוָה יִסָּעוּ אֶת־מִשְׁמֶרֶת יְהוָה שָׁמָרוּ
עַל־פִּי יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה׃ פ י א וַיְדַבֵּר
יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ ב עֲשֵׂה לְךָ
שְׁתֵּי חֲצוֹצְרֹת כֶּסֶף מִקְשָׁה תַּעֲשֶׂה

## אונקלוס

משכנא על מימרא דיי
שרן ועל מימרא דיי
נטלין: כא ואית די הוה
עננא מרמשא עד צפרא
ומסתלק עננא בצפרא
ונטלין או יםם ולילי
ומסתלק עננא ונטלין:
כב או תרין יומין או
ירחא או עדן בעדן
באורכות עננא על
משכנא למשרי עלוהי
שרן בני ישראל ולא
נטלין ובאסתלקותה
נטלין: כג על מימרא
דיי שרן ועל מימרא דיי
נטלין ית מטרת מימרא
דיי נטרין על מימרא דיי
בידא דמשה: א ומליל
יי עם משה למימר:
ב עבד לך תרתין חצוצרן
דכסף נגיד תעבד יתהון

תו"א עשה לך שתי חצוצרת יומא ג ראש השנה
לז מנחות כח עקידה שער עט:
כסף מנחות כח:

## בעל הטורים

אשר ישכון שם הענן דהיינו לפניהם או לאחריהם אל תענוד לעשות שם גדולים: (כג) ביד משה. וסמיך ליה עשה לך שתי חצוצרות כסף שלא היו אלא בידו שבחייו נגנזו: (ב) לך שתי. אותיות שלך שמשלו עשאם: שתי חצוצרות. כנגד אברהם ויעקב שעשו מלחמה באומות ונלחים: כסף ולא זהב שלא להזכיר קול העם ברעה:

## בית יהודא

וכלומר לפעמים) מען מיינט אמאל פלעגט טרעפן: נמים מספרו. מיינט מען (ימים מועטים) וויינינ טעג: (כב) או ימים. מיינט מע: (שנה) אַיאר (כמו) ווי עס שטייט אין פסוק (ימים תהיה גאולתו) אַיאר וועט זיין די צייט פון אויסלייזונג: (ב) עשה לך. זאלסט מאכן צוויי טרומייטען (שיהיו תוקעין לפניך כמלך) מען זאל טרומייטערן פאר דיר ווי פאר אמלך, ווי עס שטייט אין פסוק (ויהי בישרון מלך) משה איז געוועזן ביי יודען אמלך: ועשה לך. מיינט מען (משלך) פונדיינע זילבער זאל מען מאכען די טרומייטען: ועשה לך. מיינט מען (אתה עושה ומשתמש בהם ולא אחר) נאר דוא מעגסט גיצען מיט דיא טרומייטען וגאר פון דיינעטוועגן זאל מען

## רש"י

ימים מספר. ימים מועטים: (כב) או ימים. שנה כמו (ויקרא כה) ימים תהיה גאולתו: (ב) עשה לך. (שיהיו תוקעין לפניך כמלך ויהי בישורון מלך): עשה לך. משלך (עשה לך אתה עושה ומשתמש בהם ולא אחר):

## שפתי חכמים

ולא היה מהלך עד שאמר משה קומה ה' אינו במלאכת המשכן ועל זה אמר זו בספרי ונ"ש את"כ ונסע דגל מחנה יהודה וגם מה שפי' ע"פ ה' יחנו כיון שהיו וכו' כל זה שניהו הכל במלאכת המשכן: ש דסדר מעלות הזיב קרא (גת"י) ועיין לעיל במ"ש בפרשת חיי שרה

## פירוש לתורת אלהים

פי יי וגו': (כא) ויש אונ אמאל האט דר ענן גירוט איבר דעם משכן נאר פון אבינט ביז אין דר פריא ונעלה אונ דר ענן הט זיך אפ גיטאן אין דר פריא ונסעו האבן די ישראל אוועק גיצוגן פון דעם ארט או יומם ולילה אדר דער ענן הט גירוט אטאג מיט אנאכט ונעלה הענן אונ דר נאך הט ער זיך אפ גטאן ונסעו האבן די ישראל גיצוגן: (כב) או יומים אדער אמאל הט דר ענן גירוט צוויי טעג אדער אחודש או ימים אדער איאר בהאריך ווי פיל דר ענן הט זיך פר זאמט אויף דעם משכן לשכון עליו ער זאל אוף אים רוען יחנו האבן די ישראל אוך אזו פיל גירוט ולא יסעו אונ האבען ניט גיצוגען ובהעלותו אונ אז ער האט זיך אפ גיטאן יסעו האבען דיא ישראל גיצוגען: (כג) את משמרת יי דאס היטונג פון גאט שמרו האבען זייא גיהיט על פי יי דורך גאטס צווי אונ ביד משה דורך משה [פיוו רש"י]: (א) וידבר יי האט גאט גירעט צו משה אזו צו זאגן: (ב) עשה לך מאך צו דיר שתי חצצרות כסף

צוויי

אתם והיו לך למקרא העדה ולמסע את־המחנות: ג ותקעו בהן ונועדו אליך כל־העדה אל־פתח אהל מועד: ד ואם־באחת יתקעו ונועדו אליך הנשיאים ראשי אלפי ישראל: ה ותקעתם תרועה ונסעו המחנות החנים קדמה: ו ותקעתם

ויהון לך לערעא כנשתא ולאטלא ית משריתא: ג ויתקעון בהן ויזדמנון לותך כל כנשתא לתרע משכן זמנא: ד ואם בחדא יתקעון ויזדמנון לותך רברביא רישי אלפיא דישראל: ה ותתקעון יבבתא ויטלון משריתא דשרן קדומא: ו ותתקעון

תו״א והיו לך עט: ותקעתם ר״ה לד ערכין י: ותקעתם תרועה שנית סוכה נג ר״ה לג:

## רשב״ם

(ב) והיו לך למקרא העדה. לך יהיו החצוצרות לקריאה ולמחנות יהיו צריכין למסע. למסע שם דבר הוא כמו נסיעה: את המחנות. כמו למחנות: (ג) ה.קעו בהן. בשתיהן:

## רש״י

למקרא העדה. כשתרצה לדבר עם הסנהדרין ושאר העם ותקראם לאסוף אליך תקראם ע״י חצוצרות: ולמסע את המחנות. בשעת סלוק מסעות תתקעו בהם לסימן ת כמלאכת אתה אומר ע״פ שלשה היו נוסעים ע״פ הקב״ה וע״פ משה ועל פי חצוצרות: מקשה. מהעשת תעשה בהקשת הקורנס: (ג) ותקעו בהן. בשתיהן והוא סימן למקרא העדה שנא׳ ונועדו אליך כל העדה אל פתח אהל מועד: (ד) ואם באחת יתקעו. הוא סימן למקרא הנשיאים שנא׳ ונועדו אליך הנשיאים ואף הן יעידתן א אל פתח אהל מועד ומגזרה שוה ב הוא בא בספרי: (ה) ותקעתם תרועה. סימן מסע המחנות תקיעה תרועה ותקיעה ג כך

## בית יהודא

בלאזען מיט די טרומייטען) אבער ניט פאר איין אנדערונג ווענען: ולמקרא העדה) . הקב״ה האט געזאגט צו משה (כשתרצה לדבר עם הסנהדרין ושאר העם) אז דו וועסט וועלען ביידען מיט די סנהדרין אדער מיט אנדערע יודען (ותקראם לאסוף אליך) אונ דו וועסט וועלען זיי רופען צו דיר (תקראם על ידי חצוצרות) זאלסטו זיי רופען דורך די טרומייטען: ולמסע את המחנות) . מען מיינט (בשעת סלוק מסעות) ווען דר וואלקן וועט אפגיטאן ווערן אונ די מחנות וועלען דארפען ציהען (תתקעו בהן לסימן) זאלט איר בלאזען מיט די טרומייטען צו אצייכען (וכמלאכת אתה אומר) ווענסטו געפינען צו זאגען (על פי ג׳ היו נוסעים) דורך דרייען האבען די יודען געצוגען (על פי הקב״ה ועל פי משה ועל פי החצוצרות) דורך הקב״ה, דורך משה, דורך די טרומייטען: ומקשה) זאגט רש״י (מהעשת תעשה בהקשת הקורנס) די טרומייטען זאלסטו מאכען פון איין שטיק אויס־געקלאפט מיט אהאמער: (ג) ותקעו בהן) . אוב מען וועט בלאזען מיט זיי (בשתיהן) מיט ביידע טרומייטען (והוא סימן למקרא העדה) וועט דאס זיין אצייכען אז דורופסט אלע יודען זאלן צו דיר קומען (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (ונועדו אליך כל העדה אל פתח אהל מועד) עס וועלען זיך פארזאמלען צו דיר אלע יודען צו די טיר פון אהל מועד: (ד) ואם באחת יתקעו) . אויב מען וועט בלאזען מיט איין טרומייט (הוא סימן מקרא הנשיאים) דס וועט זיין אצייכען אז דו רופסט נאר די נשיאים (שנאמר) וויא עס שטייט אין פסוק (ונועדו אליך הנשיאים) די נשיאים וועלען זיך פארזאמלען צו דיר (ואף הן יעידתן אל אהל מועד) די נשיאים וועלען זיך אויך פארזאמלען צום אהל מועד (ובגזרה שוה הוא בא) דאס לערנען מיר מיט אגזרה שוה: (ה) ותקעתם תרועה) . זאגט רש״י (סימן למסע המחנות) אצייכען ווען די מחנות זאלן אנהייבען ציהען, אז

## שפתי חכמים

כפסוק תב: הנערה אתנו ימים: ת בשעת סילוק המחנות. וברוב ספרים גרסינן סילוק המסעות פירוש בשעת סילוק הנוסעות של כל השלשה מחנות של כל דגל ודגל ואיך שיהיה הגירסא תיקן בזה שלא תאמר כשהיו רוצים ליסע היו תוקעים בחצוצרות דזה אינו שהרי מתחלה היה הענן מקפל ואחר כך היה משה אומר קומה ס׳ ואחר כך היו תוקעים לכן פי׳ בשעת סילוק המחנות שהיו מכינים את עצמן ליסע לא היו נוסעים עד שתקעו בחצוצרות: א דאל״כ נתלקו עדה ונשיאים בב׳ דברים. והא דצריך לפרש זה משום דק״ל דבקרא כתיב ונועדו אליך וגו׳ ולא פירש לאיזה מקום שיהיו יתועדו יחד. ל״פ ואף וכו׳ דמלתא דפש״ט הוא דנועדו נועדו לג״ש: ב כתיב הכא ונועדו יגבי עדה כתיב ונועדו נה להלן פתח אהל מועד אף כאן פתח אהל מועד: ג דכתיב ותקעתם תרועה ונסעו תקיעה

## פירוש לתורת אלהים

צוויי זילבערני טרומייטען מקשה געהאמערט תעשה אותם זאלסטו זיי מאכען זיי זאלן זיין אום געשלאגען פון איין שטיק והיו לך אונ זיי זאלען זיין צו דיר למקרא העדה צוא רופען דיא עדה [עיין רש״י] ולמסע את המחנות אונ מאכען ציהען די מחנות [עיין רש״י]: (ג) ותקעו בהן אונ אז מען וועט בלאזין מיט ביידע חצוצרות איין תקיעה זאל דס זיין אסימן אז מען רופט צו נויף די עדה ונועדו אליך זאלן זיי זיך צו נויף זאמלען נאר די עדה צו דער טיר פון דעם אוהל מועד: (ד) ואם באחת יתקעו אונ אז זיי וועלען בלאזין איין תקיעה מיט איין טרומייט זאל דאס זיין אסימן אז מען רופט צו נויף די נשיאים ונועדו אונ זיי זאלן זיך צו דיר איין זאמלען הנשיאים דיא הארין ראשי די עלצטע וואס האבען צו באפעלען איבער די טויזענטער פון די ישראל: (ה) ותקעתם אונ איר זאלט בלאזין מיט ביידע חצוצרות תרועה אע״א ונג אז מען וועט בלאזין איין תקיעה תרועה תקיעה זאל דס זיין אסימן אז די ישראל זאלן אוועק ציהען פון דעם ארט וואס זיי האבען גירוט ונסעו אונ זייא זאלן ציהען המחנות די שארן החונים וואס רוען אויף

תרועה שנית ונסעו המחנות החנים תימנה תרועה יתקעו למסעיהם: ז ובהקהיל את־הקהל תתקעו ולא תריעו: ח ובני אהרן הכהנים יתקעו בחצצרות והיו לכם לחקת עולם לדרתיכם: ט וכי־

יבבתא תנינות ויטלון משריתא דשרן דרומא יבבא יתקעון למטלניהון: ז ובמכנש ית קהלא תתקעון ולא תיבבון: ח ובני אהרן כהניא יתקעון בחצוצרתא ויהון לכון לקים עלם לדריכון: ט וארי תעלון

תו"א תרועה יתקעו סוכה נד ערכין י: ובהקהיל את הקהל סוכה נג ר"ה לד ערכין י: ובני אהרן סוכה נג:

## בעל הטורים

(ח) לדורותיכם, וכי תבאו מלחמה. רמז למלחמת גוג העתידה שתבא לימות המשיח.

## בית יהודא

מען הט גבלאזן אתקיעה אונ אתרועה אונ אתקיעה וכך הוא נדרש בספרי מן המקראות היתרים) אזו ווערט גלערנט אין ספרי פון די איבעריגע פסוקים: (ז) ובהקהיל את הקהל וגו'. זאגט רש"י (לפי שהוא אומר) ווייל דר פסוק זאגט (והיו לך למקרא העדה ולמסע את המחנות) די טרומייטן זאלן זיין צו דיר צום רופן די עדה אונ צו מאכן ציהען די מחנות (מה מקרא העדה תוקע בשני כהנים ובשתיהם) אזו ווי צום רופען די עדה האבן גבלאזן צוויי כהנים מיט דיא צוויא טרומייטן (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (ותקעו בהן) דיא כהנים זאלן בלאזן מיט ביידע טרומייטן (אף מסע המחנות בשתיהם) צו מאכן ציהען די מחנות הט מען אויך געדארפט בלאזן מיט ביידע טרומייטען (יכול) איך וואלט מיינען (מה מסע המחנות תוקע ומריע ותוקע) אזו ווי צו מאכן ציהען דיא מחנות הט מען גבלאזן אתקיעה אונ אתרועה אונ אתקיעה (אף מקרא העדה תוקע ומריע ותוקע) אזו ווען מען הט גבלאזן צו רופן די עדה הט מען אויך גבלאזן אתקיעה אונ אתרועה אונ אתקיעה (ומעתה אין חילוק בין מקרא העדה למסע את המחנות) איז איצט גלייך דם בלאזן צו רופן די עדה צו דם בלאזן צו מאכן ציהען די מחנות (תלמוד לומר ובהקהיל את הקהל תתקעו ולא תריעו) זאגט דר פסוק ווען מען וועט דארפען פארזאמלען דיא יודן זאל מען בלאזן אתקיעה ניט אתרועה (לומר שאין תרועה למקרא העדה) צו זאגען ווען מען האט גבלאזן צו רופן אלע יודן הט מען ניט גבלאזן אתרועה (והוא הדין לנשיאים) אונ ווען מען הט גבלאזען צו רופן די נשיאים הט מען אויך ניט גבלאזען אתרועה (והרי סימן לשלשתם) איז אצייכן צו אלע דריי זאכן (מקרא העדה בשתים) צו רופן די עדה הט מען געבלאזען מיט ביידע טרומייטען (ושל נשיאים באחת) אז מען הט גדארפט רופן די נשיאים אליין האט מען געבלאזען מיט איין טרומייט (וזו וזו אין בהם תרועה) ווען מען הט גבלאזן צו רופן אלע יודן אונ ווען מען הט גבלאזן צו רופן די נשיאים אליין, הט מען גבלאזן נאר אתקיעה, ניט אתרועה (ומסע המחנות) אונ צו מאכען ציהען די מחנות (בשתים) הט מען גבלאזען מיט ביידע טרומייטן (על ידי תרועה ותקיעה) אתרועה אונ אתקיעה: (ח) ובני אהרן יתקעו. די קינדר פון אהרן זאלען בלאזען מיט די טרומייטן (במקראות ובמסעות הללו) צום רופן די עדה, אונ צום ציהען די מחנות:

## רש"י

הוא נדרש בספרי מן המקראות היתרים (ר"ה לד): (ז) ובהקהיל את הקהל וגו'. לפי שהוא אומר והיו לך למקרא העדה ולמסע את המחנות מה מקרא העדה תוקע בשני כהנים ובשתיהן שנא' ותקעו בהן וגו' אף מסע המחנות בשתיהם יכול מה מסע המחנות תוקע ומריע ותוקע אף מקרא העדה תוקע ומריע ותוקע ומעתה אין חילוק בין מקרא העדה למסע את המחנות ת"ל ובהקהיל את הקהל וגו' לומר שאין תרועה למקרא העדה והוא הדין לנשיאים הרי סימן לשלשתם מקרא העדה בשתים ושל נשיאים באחת וזו וזו אין בהם תרועה ומסע המחנות בשתים ע"י תרועה ותקיעה: (ח) ובני אהרן יתקעו. במקראות ובמסעות הללו:

## שפתי חכמים

ואחר כך תרועה וכתיב תרועה יתקעו משמע תרועה ואחר כך תקיעה הא כיצד אלא תקיעה ותרועה ותקיעה. ואין להקשות דלמה לי שתי תרועות כאמצע דלא מצינו שתי תרועות זה אחר זה. דהא דכתיב שני פעמים תרועה אחד צריך לג"ש מיום הכפורים וכל ג"ש צריך להיות מופנה: ר דקשה לרש"י הדא הא כתיב לעיל ותקעו ונועדו וגו' ועוד מהיכא תיתי תקיעה תרועה ותקיעה דצריך למכתב תתקעו ולא תריעו. ומתרץ לפי שהוא אומר והיו לך וגו': ה הוא"ל והוקשו להדדי ה"א מה מסע המחנות וכו' לכך אצטריך למיעוטא:

## פירוש לתורת אלהים

מזרח זייט: (ו) ותקעתם אונ איר זאלט בלאזן מיט ביידע חצוצרות תרועה שנית דאס אנדערי מאהל התקיעה תרועה תקיעה ונסעו אונ זייא זאלען ציהען המחנות די מחנות וואס רוען אויף דרום זייט. נאר עס שטייט דאך אין די פסוקים אז סיי צו מקרא העדה אונ סיי צו די מסעות זאל מען אלץ בלאזן מיט ביידע חצוצרות. ווי אזו וועט מען וויסן ווען מען בלאזט צו מקרא העדה אונ ווען מען בלאזט פון ציהן וועגן זאגט דער פסוק תרועה יתקעו איין תרועה זאל מען בלאזן למסעיהם צו ציהונג פון מסעות וועגן זאל מען בלאזן איין תקיעה תרועה תקיעה: (ז) ובהקהיל אונ אז מען דארף דם קהל צו נויף זאמלען תתקעו זאלט איר בלאזן איין תקיעה אליין מיט ביידע חצוצרות ולא תריעו אבר אתרועה זאלט איר ניט בלאזן אבער אז מען דארף נאר רופן די נשיאים זאל מען נאר בלאזן אתקיעה מיט איין טרומייט אונ ווער זאל בלאזן זאגט דר פסוק: (ח) ובני אהרן אונ די קינדר פון אהרן הכהנים דיא כהנים יתקעו בחצוצרות זאלען זיי בלאזען מיט דיא חצוצרות והיו לכם אונ זיי זאלן זיין צו אייך להקת

עולם

תָבֹאוּ מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם עַל־הַצַּר הַצֹּרֵר אֶתְכֶם וַהֲרֵעֹתֶם בַּחֲצֹצְרֹת וְנִזְכַּרְתֶּם לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְנוֹשַׁעְתֶּם מֵאֹיְבֵיכֶם׃
י וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם וּבְמוֹעֲדֵיכֶם וּבְרָאשֵׁי חָדְשֵׁכֶם וּתְקַעְתֶּם בַּחֲצֹצְרֹת עַל עֹלֹתֵיכֶם וְעַל זִבְחֵי שַׁלְמֵיכֶם וְהָיוּ לָכֶם לְזִכָּרוֹן לִפְנֵי אֱלֹהֵיכֶם אֲנִי יְהוָה׃

**אונקלוס**

לְאַגָּחָא קְרָבָא בְּאַרְעֲכוֹן עַל מְעִיקֵי דִּמְעִיקִין לְכוֹן וּתְיַבְּבוּן בַּחֲצוֹצְרָתָא וְיֵיעוֹל דּוּכְרָנֵיכוֹן לְטָבָא קֳדָם יְיָ אֱלָהֲכוֹן וְתִתְפָּרְקוּן מִסַּנְאֵיכוֹן׃
י וּבְיוֹם חֶדְוַתְכוֹן וּבְמוֹעֲדֵיכוֹן וּבְרֵישֵׁי יַרְחֵיכוֹן וְתִתְקְעוּן בַּחֲצוֹצְרָתָא עַל עֲלָוָתְכוֹן וְעַל נִכְסַת קוּדְשֵׁיכוֹן וִיהוֹן לְכוֹן לְדוּכְרָנָא קֳדָם אֱלָהֲכוֹן אֲנָא יְיָ׃

תו"א באלהים על הר ס' האזר פרשת ויקהל: וברחשי רלש השנה נה כה: ותקעתם שם לד זבחים כח ערכין ג יג: והיו לכם לזכרון רלש השנה לב: אני ה' שם:

### בעל הטורים

(ט) הכלו מלחמה. בגימ' במלחמות גוג: תכלי. היתיות חכות סוכות הלכות עומד בולהזה: והרעותם בתלולרות. כל שם רוע התרועעה הארץ תרועם בשבט ברזל: (י) שמחתכם. בגימ' גם ביום השבת: ובמועדיכם. מלא ויו כנגד ספת עלרת רלש השנה יה"כ סוכות שמיני עלרת:

### רש"י

(י) על עלהיכם. (ספרי ערכין יח) בקרבן לבור ו הכתוב מדבר: אני ה' אלהיכם. מכאן למדנו מלכיות עם זכרונות ושופרות שנא' ותקעתם הרי שופרות לזכרון

### בית יהודא

(י) וְעַל עוֹלֹתֵיכֶם. זאגט רש"י וּבְקָרְבַּן צִבּוּר הַכָּתוּב מְדַבֵּר) דר פסוק שמועסט ווען מען איז מקריב אקרבן פר אלע יודינס (וועגען זאל מען טרומייטערן: וַאֲנִי ה' אֱלֹהֵיכֶם). איך בין אייער גאט. זאגט רש"י וּמִכָּאן לָמַדְנוּ מַלְכִיּוֹת עִם זִכְרוֹנוֹת וְשׁוֹפָרוֹת) פון דאנן לערנען מיר מען זאל זאגן פסוקים מלכיות מיט די פסוקים זכרונות אונ שופרות (שֶׁנֶּאֱמַר) וויא עס שטייט אין פסוק וּתְקַעְתֶּם לְזִכָּרוֹן) וּתְקַעְתֶּם איר זאלט בלאזן, איז שופרות, לְזִכָּרוֹן צו איין גדיינקן, איז זכרונות.

### שפתי חכמים

ו מדכתיב על עולותיכם ועל זבחי שלמיכם והיקש שלמים לעולה דכל עולה קדשי קדשים היא ובשלמים מקלתן ק"ק ומקלתן קדשים קלים כגון שלמי לבור הם ק"ק ושלמי יחיד קדשים קלים הם לכך הוקש שלמים לעולה מה עולה היינו אלא ק"ק אף שלמים אינו אלא קדשי קדשים דהיינו שלמי לבור והדר ילפי' עולה משלמים מה שלמים שהוא קדשי קדשים הוא קרבן לביר דאי אתה מולא קדשי קדשים בשלמים

### פירוש לתורת אלהים

עולם צו אגיזעץ אוף אייביג לְדוֹרֹתֵיכֶם צוא אייערע דורות: (ט) וְכִי תָבֹאוּ אונ אז איר וועט קומען אין דר מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם אין אייער לאנד עַל אויף הַצַּר דעם באליידיגר הַצֹּרֵר אֶתְכֶם דער וואס באליידיגט אייך וַהֲרֵעֹתֶם זאלט איר שאלן בַּחֲצֹצְרֹת מיט די טרומייטען וְנִזְכַּרְתֶּם אונ איר וועט ווערן גידאכט פאר אייער גאט וְנוֹשַׁעְתֶּם אונ איר וועט ווערן גיהאלפען פון אייערע פיינט: (י) וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם אונ אין דעם טאג פון אייער פרייד וּבְמוֹעֲדֵיכֶם אונ אין אייערע ימים טובים וּבְרָאשֵׁי חָדְשֵׁיכֶם אונ אין אייערע ראשי חדשים וּתְקַעְתֶּם זאלט איר בלאזן מיט די טרומייטען עַל עוֹלוֹתֵיכֶם בייא אייערי עולות וְעַל זִבְחֵי אונ אייער שעכטונג פון שְׁלָמִים וְהָיוּ אונ דס זאל זיין צו אייך

### ליקוטי יוסף

(ט י) וְכִי תָבֹאוּ מִלְחָמָה וגו' וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם וגו'. מיר דארפען פארשטיין פר וואס ביי דר מלחמה שטייט וְנִזְכַּרְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם, איר וועט דערמאנט ווערן פר הקב"ה, וועט דיא דערמאנונג זיין נאר אין הימעל, אונ ביי די שמחות שטייט וְהָיוּ לָכֶם לְזִכָּרוֹן לִפְנֵי אֱלֹהֵיכֶם. וועט די דערמאנונג זיין פר יודן אוני אין הימעל, נאר דר פסוק זאגט היתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו, קען דאס זיין אין שטאט זאל געבלאזן ווערן מיט אשופר אונ דם פאלק זאל נ ט שרעקן? איז דר נאטור אז די שטימע פון אשופר זאל בשרעקן, אז די יודן ווערן דערשראקן אונ טוהען תשובה ווערט דר שטן אין הימעל איך דערשראקן, אונ מסרת ניט אויף די יודן פר הקב"ה, אבער ווען די יודען ווערן נים דערשראקן, אונ טוהען נים תשובה ווערט דר שטן אין הימעל אויך נים דערשראקן, אונ מסרת ווייטער, אונ ווען יודן גייען צו אמלחמה דארפן זיי נים דר שופר זאל זיי דער־שרעקן צו טאהן תשובה. ווארום די שרעק פון די מלחמת אליין דערוועקט זיי צו טאהן תשובה, מען דארף נאר דעם שופר צו דערשרעקן דעם שטן אין הימעל, דריבר זאגט דער פסוק אז איר וועט גיין צו אמלחמה זאלט איר בלאזן מיט

### מצות השם

(שפד) וּתְקַעְתֶּם בַּחֲצוֹצְרוֹת וגו' דאס איז די מצוה ווען מען האט מקריב גווען קרבנות אין בית המקדש אום יום טוב אבר ראש חודש האט מען גבלאזן מיט טרומייטן דאס ענין פון דער מצוה שרייבן אונזערע הייליגע ספרים ווארום ווען מען האט מקריב גווען איין קרבן האט מען געמוזט מכוון זיין אלע מחשבות צוא גאט אונ דער מענטש וואס ער איז פאר טופש אין דיא תאוות פון דעם פאסקיגים גוף קען ער ניט אזויא גיך מצרף זיין זיינע מחשבות צוא גאט דורך דעם האט אונז די תורה גהייסען בלאזען מיט טרומייטען אונ דיא קולות דער וועקען דעם מענטש ער זאל תשובה טאן צוא גאט אונ באהעפטן זיינע מחשבות אן גאט:

אֱלֹהֵיכֶם׃ פ חמישי יא וַיְהִי בַּשָּׁנָה
הַשֵּׁנִית בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בְּעֶשְׂרִים
בַּחֹדֶשׁ נַעֲלָה הֶעָנָן מֵעַל מִשְׁכַּן
הָעֵדֻת׃ יב וַיִּסְעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
לְמַסְעֵיהֶם מִמִּדְבַּר סִינָי וַיִּשְׁכֹּן
הֶעָנָן בְּמִדְבַּר פָּארָן׃ יג וַיִּסְעוּ
בָּרִאשֹׁנָה עַל־פִּי יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה׃
יד וַיִּסַּע דֶּגֶל מַחֲנֵה בְנֵי־יְהוּדָה
בָּרִאשֹׁנָה לְצִבְאֹתָם וְעַל־צְבָאוֹ
נַחְשׁוֹן בֶּן־עַמִּינָדָב׃ טו וְעַל־צְבָא

אֱלָהֲכוֹן׃ יא וַהֲוָה בְּשַׁתָּא
תִנְיֵתָא בְּיַרְחָא תִנְיָנָא
בְּעֶשְׂרִין לְיַרְחָא אִסְתַּלַּק
עֲנָנָא מֵעִלָּוֵי מַשְׁכְּנָא
דְסַהֲדוּתָא׃ יב וּנְטַלוּ בְנֵי
יִשְׂרָאֵל לְמַטְּלָנֵיהוֹן
מִמַּדְבְּרָא דְסִינַי וּשְׁרָא
עֲנָנָא בְּמַדְבְּרָא דְפָארָן׃
יג וּנְטַלוּ בְּקַדְמֵיתָא עַל
מֵימְרָא דַייָ בִּידָא
דְמֹשֶׁה׃ יד וּנְטַל טְקַס
מַשְׁרִית בְּנֵי יְהוּדָה
בְּקַדְמֵיתָא לְחֵילֵיהוֹן וְעַל
חֵילֵיהּ נַחְשׁוֹן בַּר
עַמִּינָדָב׃ טו וְעַל חֵילָא

תו"א ויהי בשנה שם ג תענית כט : במדבר פארן שבת פט :

## בעל הטורים

(יד) ויסע דגל מחנה בני יהודה. בכולם כתיב ונסע וביהודה כתיב ויסע חסר מ' שכל מ' שנה שהיו במדבר היו עלמותיו כארון כאילו לא נסע :

## בית יהודא

(אני ה' אֱלֹהֵיכֶם זו מַלְכִיוֹת) איז מַלְכִיוֹת : (יא) וּבַחוֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי, זאגט רש"י (נִמְצֵאתָ אַתָּה אוֹמֵר) דער פסוק זאגט אונז (שְׁנֵים עָשָׂר חוֹדֶשׁ חָסֵר עֲשָׂרָה יָמִים עָשׂוּ בְּחוֹרֵב) צוועלף חָדָשִׁים וויניגר צעהן טעג זענען די יודן געשטאנן גיבן בארג סִינַי (שֶׁהֲרֵי בְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן חָנוּ שָׁם) ווארום ראש חודש סיון זענען יודן געקומען צום בארג סיני אונ האבן דארטען בערוהט (וְלֹא נָסְעוּ עַד עֶשְׂרִים בְּאִיָּיר לְשָׁנָה הַבָּאָה) אונ זייא האבען ניט אוועקגעצוגן פון בארג סיני ביז איבער איאהר צוואנציג טעג אין אייר : (יב) וּלְמַסְעֵיהֶם. זאגט רש"י (כְּמִשְׁפַּט הַמְּפוֹרָשׁ לְמַסַּע דִּגְלֵיהֶם) וויא עס שטייט אין פריערדיגע פסוקים ווי די שבטים מיט די פאנן זאלען ציהען (מִי רִאשׁוֹן וּמִי אַחֲרוֹן) וועלכר שבט זאל זיין דר ערשטר אונ וועלכער שבט זאל זיין דער לעצטר : (בְּמִדְבַּר פָּארָן). זאגט רש"י (קִבְרוֹת הַתַּאֲוָה בְּמִדְבַּר פָּארָן הָיָה) דער ארט קברות התאוה איז

## רש"י

הרי זכרונות : אני ה' אלהיכם זו מלכיות וכו': (יא) בחדש השני. נמצאת אתה אומר שנים עשר חודש חסר י' ימים עשו בחורב שהרי בראש חודש סיון חנו שם ולא נסעו עד עשרים באייר לשנה הבאה : (יב) למסעיהם. כמשפט המפורש למסע דגליהם מי ראשון ומי אחרון : במדבר פארן. קברות התאוה במדבר פארן ט היה

## שפתי חכמים

אלא בקרבן לבור אף עולה נודבר בקרבן לבור : ז דהיינו שופרות וזכרונות : ח כמ"ש בפ' יתרו : ט שהרי ממדבר פארן שקראו לו

## ליקוטי יוסף

חצוצרות ושופר), ניט וועגען אייך צו דערמאנען צו תשובה, ווייען תשובה וועט אייך די מלחמה דערמאנען, ווארום איר ווייסט שֶׁקֶר הַסּוּס לִתְשׁוּעָה, עס איז פאלש דס פארזיכערונג אז מיט פיל פערד וועט מען איין נעמען אמלחמה, וברוב חילו לא ימלט, אונ מיט פיל זעלנער ווערט מען אוך ניט געראטעוועט פון אמלחמה, הִנֵּה עֵין ה' אֶל יְרֵאָיו לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ, הקב"ה זעהט נאר די פרומקייט פון די מענטשן אונ איב זיי פערזיכערן זיך נאר אוף דעם חסד פון הקב"ה מען דארף נאר דעם שופר וְנִזְכַּרְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם, איר זאלט דערמאנט ווערן פאר הקב"ה, דר שׂטן זאל דערשראקען ווערען וועט ער ניט מסרין אוף אייך פר הקב"ה, וועט איר געווים געווינען די מלחמה. אבער וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם וגו', ווען עס איז אשמחה איז דאמאלס דער מענטש אביסל דערווייטערט פון הקב"ה, דארף מען דאמאלס בלאזען שופר פר בידונגם ווען, דס ערשטע וְהָיָה לָכֶם לְזִכָּרוֹן, וועט דר שופר אייך דערמאנען איר זאלט טאהן תשובה, נאכדעם וועט זיין לְזִכָּרוֹן לִפְנֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם, וועט איר דערמאנט ווערן צו גוטן פר הקב"ה ווייל דר שטן וועט אין הימעל אוך דערשראקען ווערען :

## פירוש לתורת אלהים

צו אגידעכעניש דר מיט וועט איר ווערן גידענקט פר אייער גאט אֲנִי יְיָ אֱלֹהֵיכֶם איך בין אייער גאט (עיין רש"י) : (יא) וַיְהִי אונ עס איז גיוועזן בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית אין אנדרין יאר ווס די ישראל זענען ארוס גגאנגין פון מצרים בַּחוֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי אין דעם אנדרין חודש בְּעֶשְׂרִים בַּחוֹדֶשׁ אין צוואנציג טאג אין חודש נַעֲלָה איז אפ גיטאן גיווארען דער ענן פון דעם מִשְׁכַּן הָעֵדוּת : (יב) וַיִּסְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אונ דיא יודען האבען גיצוגען לְמַסְעֵיהֶם צו זייער ציהונג [עיין רש"י] מִמִּדְבַּר זיי האבן גיצוגן פון דר מדבר סיני אונ דר ענן האט גירוט אין מדבר פארן : (יג) וַיִּסְעוּ אונ זיי האבן גיצוגן בָּרִאשֹׁנָה צום ערשטן מאל עַל פִּי יְיָ דורך גאטס צווי בְּיַד דורך משה : (יד) וַיִּסַּע אונ ער הט גצוגן דֶּגֶל די פאן פון מַחֲנֵה יְהוּדָה בָּרִאשֹׁנָה צום ערשטן לְצִבְאֹתָם צו זייער הערשאפט וְעַל צְבָאוֹ אונ איבר זיין הערשאפט הט גיהאט צו באפעלן נַחְשׁוֹן ער איז גוועזן דער זון פון עמינדב : (יז) וְהוּרַד אונ

מטה בני יששכר נתנאל בן צוער: טז ועל צבא מטה בני זבולן אליאב בן חלן: יז והורד המשכן ונסעו בני גרשון ובני מררי נשאי המשכן: יח ונסע דגל מחנה ראובן לצבאתם ועל צבאו אליצור בן שדיאור: יט ועל צבא מטה בני שמעון שלמיאל בן צורישדי: כ ועל צבא מטה בני גד אליסף בן דעואל: כא ונסעו הקהתים נשאי המקדש והקימו את המשכן עד באם:

דשבטא דבני יששכר נתנאל בר צוער: טז ועל חילא דשבטא דבני זבולון אליאב בר חלון: יז ומתפרק משכנא ונטלין בני גרשון ובני מררי נטלי משכנא: יח ונטל טקס משרית ראובן לחיליהון ועל חילה אליצור בר שדיאור: יט ועל חילא דשבטא דבני שמעון שלמיאל בר צורישדי: כ ועל חילא דשבטא דבני גד אליסף בר דעואל: כא ונטלין בני קהת נטלי מקדשא ומקימין ית משכנא עד מיתיהון:

תו"א ונסעו הקהתים עירובין כ שבועות טז מנחות לח:

## רש"י

זהו הנו מנוסע י זה: (יז) והורד המשכן. כיון שנוסע דגל יהודה נכנסו אהרן ובניו ופרקו את הפרכת וכסו בה את הארון שנא' (במדבר ד) ובא אהרן ובניו בנסוע המחנה ובני גרשון ובני מררי פורקין המשכן וטוענין אותו בעגלות והארון וכלי הקדש של משא בני קהת עומדים מכוסין ונתונין על המוטות עד שנסע דגל מחנה ראובן ואח"כ ונסעו הקהתים: (כא) נשאי המקדש. נושאי דברים המקודשים: והקימו את המשכן. בני גרשון ובני מררי שהיו קודמים להם מסע שני דגלים היו מקימין

## בית יהודא

גיווען אין מדבר פארן (ושם חני מסע זה) דארטן האבן יודן גערוהט פון די ערשטע ציהונג: (יז) (והורד המשכן). זאגט רש"י (כיון שנוסע דגל יהודה) באלד ווי דר פאן פון יהודה הט געצויגן (נכנסו אהרן ובניו ופרקו את הפרכת) זענן ריינגעגאנגן אהרן מיט זיינע קינדר אין משכן אונ האבן אראפגנומען דעם פרוכת (וכסו בה את הארון) אונ זיי האבן בדעקט מיט דעם פרוכת דעם ארון (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (ובא אהרן ובניו בנסוע המחנה) ווען די מחנה הט אנגעהויבן גיין איז אריינגעקומען אין משכן אהרן מיט זיינע קינדר אונ האבן מיט דעם פרוכת בדעקט דעם ארון (ובני גרשון ובני מררי) די קינדער פון גרשון אונ די קינדר פון מררי (פורקין המשכן וטוענין אותו בעגלות) האבן צונומען דעם משכן אונ האבן אים געלייגט אויף די וועגן (והארון וכלי הקדש של משא בני קהת) דר ארון מיט אלע הייליגע כלים וואס די קינדער פון קהת האבן גדארפט טראגן (עומדין מכוסין) זענן גשטאנען בדעקט (ונתונין על המוטות) אונ זענן גיווען געגעבן אויף די שטעקנס (עד שנסע דגל מחנה ראובן) ביז דיא מחנה ראובן האבן געצויגן (ואחר כך ונסעו הקהתים) נאכדעם האבן געצויגן די קהתים: (כא) (נשאי המקדש). מיינט מען (נושאי דברים המקודשים) זיי האבן גטראגן די הייליגע זאכן: (והקימו את המשכן). זיי האבן אויפגשטעלט דעם משכן. זאגט רש"י (בני גרשון ובני מררי) די קינדר פון גרשון אונ די קינדר פון מררי (שהיו קודמים להם מסע שני דגלים) וואס זענען גיווען פריער פאר די קהתים מיט צוויי פאנען (מיט צוויי מחנות)

## שפתי חכמים

קברות התאוה נסעו לחצרות ואחר כך כתיב ואחר נסעו העם מחצרות ויחנו במדבר פארן הא כבר היו במדבר פארן דהיינו קברות התאוה כמ"ש הכא. ועל"פ פי' קברות התאוה במדבר פארן היה ר"ל מדבר פארן היה גבול גדול ויש בו מקום שנקרא קברות התאוה וחצרות והכל היה במדבר פארן ולבסוף באו לסוף גבול מדבר פארן וזהו שנאמר בסוף הפרשה ויחנו במדבר פארן: י פלא תטעה לומר ממסע שני כמו מקברות התאוה לפי שמצינו שקראו למקום תבערה. ל"פ מנוסע זה: כ פי' מקרא קצר הוא כלו' והקימו המקימים או והקימו דקא עם בני גרשון ובני מררי הנזכרים למעלה אלא יתכן לומר והקימו הקהתים עד בואם של בני גרשון ומררי והוסיף לומר כשהיה הענן שוכן וסימן החנייה וכו' שבזולת זה היה נראה שבני גרשון ומררי שנסעו קודם נסיעת המחנות הנו במקום הנראה להם וא"א זה שהרי כתיב על פי ה' יחנו ופירוש עד בואם טרם בואם כי הכוונה במאמר זה אינו אלא לומר שבעת בואם היה המשכן על מכונו והיו מכניסין בו תיכף הארון וכל כלי הקודש: ל פי' כי בני גרשון ובני מררי היו נוסעים קודם נסיעת המחנות. והא דכתיב ויסע דגל

## פירוש לתורת אלהים

ער איז וואָרען צו נוף גילייגט דר משכן [פיו וט"ו] (ונסעו) זיי האבן אוועק גיצוגן בני גרשון אונ בני מררי נושאי די וואס האבן גטראגן דעם משכן [פ' וט"ו]: (כא) ונסעו הקהתים אונ אז דר דגל מחנה ראובן הט אוועק גצוגן האבן דר נאך גצוגן די בני קהת נושאי די וואס האבן גטראגן דיא הייליגע זאכן דעם ארון מיט דעם שלחן אונ די מנורה אונ די מזבחות מיט זייערע כלי שרת והקימו אונ דיא בני גרשון אונ

כב וְנָסַע דֶּגֶל מַחֲנֵה בְנֵי־אֶפְרַיִם
לְצִבְאֹתָם וְעַל־צְבָאוֹ אֱלִישָׁמָע בֶּן
עַמִּיהוּד: כג וְעַל־צְבָא מַטֵּה בְּנֵי
מְנַשֶּׁה גַּמְלִיאֵל בֶּן־פְּדָהצוּר: כד וְעַל־
צְבָא מַטֵּה בְּנֵי בִנְיָמִן אֲבִידָן בֶּן
גִּדְעוֹנִי: כה וְנָסַע דֶּגֶל מַחֲנֵה בְנֵי־דָן
מְאַסֵּף לְכָל־הַמַּחֲנֹת לְצִבְאֹתָם וְעַל־

כב וְנָטַל טֶקֶס מַשְׁרִית
בְּנֵי אֶפְרַיִם לְחֵילֵיהוֹן וְעַל
חֵילֵהּ אֱלִישָׁמָע בַּר
עַמִּיהוּד: כג וְעַל חֵילָא
דְשִׁבְטָא דִבְנֵי מְנַשֶּׁה
גַּמְלִיאֵל בַּר פְּדָהצוּר:
כד וְעַל חֵילָא דְשִׁבְטָא
דִבְנֵי בִנְיָמִן אֲבִידָן בַּר
גִּדְעוֹנִי: כה וְנָטַל טֶקֶס
מַשְׁרִית בְּנֵי דָן מַכְנִישׁ לְכָל
מַשְׁרְיָתָא לְחֵילֵיהוֹן וְעַל

## בעל הטורים

(כה) מאסף. ג' במסורה הכא ואידך ואין איש מאסף אותם הביתה בפילגש בגבעה ואידך וכעמיר מאחרי הקוצר ואין מאסף שבט דן על שהיה עמהם פסל על כן אין איש מאסף שהענן היה פולט אותם ועמלק הרג בהם ונפלו כעמיר מאחרי הקוצר ואין מאסף:

## בית יהודא

(והיו מקימין את המשכן כשהיה הענן שוכן) אז זיי האבן גזעהן דר וואלקן בלייבט שטיין, זענן זיי אויך געבליבן שטיין אונ האבן באלד אויפגשטעלט דעם משכן (וסימן החניה נראה בדגל מחנה יהודה) דר צייכן אז מען דארף רוען איז גיזעהן גוואָרן אויף דעם פאן פון מחנה יהודה (והם חונים) אונ זיי האבן גערוהט (ועדיין בני קהת באים מאחריהם עם שני דגלים האחרונים) אונ נאכדעם ווען די קינדר פון קהת זענן גקומן נאך זיי מיט די לעצטע צוויי פאנען וצוויי מחנות (היו בני גרשון ובני מררי מקימין את המשכן) האבען דיא קינדער פון גרשון אונ די קינדר פון מררי שון געהאט אויפגעשטעלט דעם משכן (וכשבאים בני קהת מוצאים אותו על מכונו) אונ ווען די קינדר פון קהת זענן געקומן האבן זיי גיטראפן דר משכן שטייט אויף זיין ארדענונג (ומכניסין בו הארון והשלחן והמנורה והמזבחות) אונ זיי האבן אריינגעטראגען אין משכן דעם ארון דעם טיש די מנורה דעם גאלדענעם מזבח האבען זיי געשטעלט אין משכן דעם קופערנם מזבח האבען זייא געשטעלט אין הויף פון משכן (וזהו משמעות המקרא) אונ אזו מיינט דר פסוק (והקימו מקימי המשכן אותו) די אופשטעלערס פון משכן דס זענען די קינדער פון גרשון אונ דיא קינדר פון מררי האבן איפגעשטעלט דעם משכן (עד טרם בואם של בני קהת) פריער איידער די קינדר פון קהת זענן געקומן: (כה) (מאסף לכל המחנות. (תלמוד ירושלמי) דיא גמרא ירושלמי זאגט (לפי שהיה שבטו של דן מרובה באוכלסין) ווייל דער שבט דן איז גיוועזן פיל מענטשען (והיה נוסע באחרונה) הט ער געצויגן דר לעצטער (וכל מי שהיה מאבד דבר) אונ וועלכער מענטש עס הט פארלארען אזאך האבן זיי געפונען (והיה מחזירו לו) אונ האבען אים אוועק גגעבן (איכא מאן דאמר כתבה היו מהלכין) עס איז דא תנאים וואס זאגען דיא יודין זענן געגאנגען אין דר מדבר וויא אקאסטען (ומפיק לה) אונ ער לערנט דס (מן כאשר יחנו כן יסעו) פון דעם פסוק „אזו וויא זיי האבן גערוהט אזו האבן זיי געצויגן", זייא האבן גערוהט וויא אקאסטען ודרייא שבטים אין מזרח, דרייא שבטים אין דרום, דריי שבטים אין מערב, דרייא שבטים אין צפון, אין מיטען דר ארון, ארום דעם ארון די לוים, ארום די לוים די מחנות יודין) אונ אזו זענן זיי געגאנגען (ואית דאמרי) אונ עס זענן דא תנאים וס זאגען (כקורה היו

## רש"י

את המשכן כשהי' הענן שוכן וסימן החנייה נראה בדגל מחנה יהודה והם חונים ועדיין בני קהת באים מאחריהם עם שני דגלים האחרונים היו בני גרשון ובני מררי מקימין את המשכן וכשבאים בני קהת מוצאים אותו על מכונו ומכניסין בו הארון והשלחן והמנורה והמזבחות וזהו משמעות המקרא והקימו מקימי המשכן אותו עד טרם בואם של בני קהת: (כה) מאסף לכל המחנות. תלמוד ירושלמי לפי שהיה שבטו של דן מרובה באוכלסין היה נוסע באחרונה וכל מי שהיה מאבד דבר היה מחזירו לו. איכא מאן דאמר כתיבה היו מהלכין ומפיק לה מן (במדבר ב) כאשר יחנו כן יסעו. מ ואית דאמרי כקורה היו מהלכין ג ומפיק לה

## שפתי חכמים

מחנה יהודה ואחר כך כתיב והורד המשכן ככר פי' הרא"ם ויסע דגל מחנה יהודה שהוכן לנסוע ולא שנסע ממש כמו שמפורש שם בארוך ואם כן היו בני מררי ובני גרשון קודמין לבני קהת שני דגלים כי קודם שנסע דגל מחנה יהודה ומיד שראו שהענן מסתלק נכנסו אהרן ובניו ופרקו את הפרכת וכסו בה את הארון ובני גרשון ובני מררי פורקין המשכן וטוענים בעגלות ונסעו והארון וכלי קדש של משא בני קהת עומדים מכוסים ונתונים על המוטות עד שנסע דגל מחנה ראובן והו"ק ותגלה הכל מבואר בנ"ל: מ כמו שפרש"י בפרשת במדבר דגל יהודה במזרח ושל ראובן בדרום ושל אפרים במערב ושל דן בצפון לכך צריך להתפשט ברוחב שני דגלים וצריך להיות האוכלסין מרובים אבל למ"ד כקורה היו מהלכין ר"ל זה אחר זה ומפיק לה ממאסף לכל המחנות לפי' זה אפילו לא היה אוכלוסין מרובין יכול לאסוף מה שמאבדין. וא"ת הא שבט של יהודה היה מרובה ביותר משבט דן דשבט של יהודה היה קע"ו אלפים וד' מאות ושבט דן לא היו כי אם קנ"ז אלפים ושש מאות כדכתיב בפרשת במדבר (נ"א) כיון שיהודה היה נוסע תחלה ומפני שהוא המלך לפיכך בכתובה האחרונה לבני דן שהיה מרובה באוכלוסין אחר יהודה: נ ובהנייתן היו חונים כתיבה כדכתיב בפ' במדבר וא"ת למאן דאמר כקורה היו מהלכין היאך מפרש כאשר יחנו כן יסעו וי"ל כאשר יחנו איש על דגלו ועל מחנהו כן יסעו וכתיב וחנו בני ישראל איש על דגלו ואיש

## דעת זקנים מבעלי התוספות

(כה) מאסף לכל המחנות. לפי שהיה אחרון וכל מי שהיה

## פירוש להורת אלהים

די בני מררי האבען צו נויף גשטעלט דעם משכן אירער די בני קהת זענען אן גקומען [עיין רש"י]: (כה) ויסע דגל מחנה בני דן אונ ער האט גיצוגען דיא פאן פון מחנה בני דן מאסף ער איז גיוועזן דער איין זאמלער פון אלע מחנות [עיין רש"י]: (כח) אלה דס איז גוועזן דער סדר מסעי בני ישראל

## אונקלוס

חילה אחיעזר בר
עמישדי : כו ועל חילא
דשבטא דבני אשר
פגעיאל בר עכרן : כז ועל
חילא דשבטא דבני
נפתלי אחירע בר עינן :
כח אלין מטלני בני ישראל
לחיליהון ונטלו : כט ואמר
משה לחבב בר רעואל
מדינאה חמוהי דמשה
נטלין אנחנא לאתרא די

צבאו אחיעזר בן־עמישדי : כו ועל־
צבא מטה בני אשר פגעיאל בן־
עכרן : כז ועל־צבא מטה בני
נפתלי אחירע בן־עינן : כח אלה
מסעי בני־ישראל לצבאתם ויסעו :
ס כט ויאמר משה לחבב בן־
רעואל המדיני חתן משה נסעים׀
אנחנו אל־המקום אשר אמר

### בעל הטורים

(כח) ויסעו. ב' במסורה הכא ואידך ויסעו ויהי חתת אלהים. לומר מה שם הי' חתת אלהים על כל סביבותיהם אף כאן. ד"א ויסעו דהתם ר"פ ויסעו דהכא ס"פ דהתם לפי שיעקב ביער ע"א מתוכם לפיכך נסעו כיד רמה ושכינה לפניהם אבל בני דן שהיה ביניהם ע"ז נסעו לאחור ולא לפנים שהיה הענן פולט אותם ועמלק היה הורג בהם :

### רשב"ם

(כט) לחובב. הוא יתרו כדכתיב מבני חובב חותן משה :

### רש"י

מן מאסף לכל המחנות : (כח) אלה מסעי. זהם סדר מסעיהם: ויסעו. ביום ההוא נסעו : (כט) חובב. (ספרי) הוא פ יתרו שנאמר (שופטים ד) מבני חובב חותן משה ומה ת"ל (שמות ב) ותבאנה אל רעואל אביהן מלמד שהתינוקות קורין לאבי אביהן אבא ושמות הרבה היו לו יתר ע"ש שיתר פרשה אחת בתורה חובב על שחבב את התורה וכו': נסעים אנחנו אל המקום. (ספרי) מיד עד ג' ימים צ אנו נכנסין לארץ שבמסע זה הראשון נסעו

### בית יהודא

(מהלכין) זיי זענען געגאנגען מיט די לייט וויא אבעלעק (ומפיק לה) אונ ער לערנט דס (מן מאסף לכל המחנות) ווייל דר פסוק זאגט דר שבט דן איז גוועזן דער לעצטער פון אלע מחנות, אונ אויב זיי זענען געגאנגען וויא אקאסטען זענען דאך געווען דריי שבטים די לעצטע, דן אשר נפתלי : (כח) ואלה מסעיו. מיינט מען (זה סדר מסעם) אזו איז גוועזן דר סדר פון זייער ציהונג : ויסעו. מען מיינט (ביום ההוא נסעו) אין דעם זעלביגען טאג האבען זיי געצוגן: (כט) וחובב. (הוא יתרו), חובב מיינט מען יתרו (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (מבני חובב חותן משה) די קינדר פון חובב דער שוויגער־פאטער (דער שווער) פון משה, אונ דער שווער פון משה איז דאך גוועזן יתרו, זעהן מיר דער שווער פון משה הט געהאט צוויי נעמען, חובב אונ יתרו, פרעגט רש"י (ומה תלמוד לומר) פאר וואס זאגט דר פסוק (ותבאנה אל רעואל אביהן) די טעכטער פון יתרו זענען געקומען צו זייער פאטער רעואל, בט דאך יתרו געהייסען רעואל אויך, קען דאך ניט זיין אז חובב איז יתרו, דא שטייט דאך חובב איז גוועזן דר זוהן פון רעואל אונ רעואל איז דאך יתרו איז דאך חובב געוועזן אזוהן פון יתרו, ענטפערט רש"י חובב איז יתרו, אונ רעואל איז גוועזן דער פאטער פון יתרו, נאר פר וואס זאגט דר פסוק דיא טעכטער פון יתרו זענען געקומען צוא זייער פאטער רעואל (מלמד) דער פסוק לערנט וויא די מענטשען ריידען (שהתינוקות קורין לאבי אביהן אבא) קינדער רופען זייער פאטערס פאטער, פאטער (ושמות הרבה היו לו) יתרו האט געהאט פיל נעמען מען האט אים גערופען יתר (על שם שיתר פרשה אחת בתורה) ווייל ער האט נעמערט איין פרשה אין דיא תורה ואתה תחזה, וויא עס שטייט אין סדרה יתרו, מען האט אים גערופען חובב (שחבב את התורה) ווייל ער האט ליב געהאט דיא תורה : (נוסעים אנחנו אל המקום). מיר ציהען צו דעם ארט (כיד) באלד (עד שלשה ימים אנו נכנסין לארץ) ביז דרייא טאג וועלען מיר קומען אין לאנד כנען (שבמסע זה הראשון) ווארום אין דעם ערשטען ציהונג וואס דיא יודין

### שפתי חכמים

ז.ל מחנהו. מלאתי : ס דק"ל דאלה מסעי משמע שרוצה לפרש המקומות שחנו בהם ונסעו מהם והכא לא מפרש זה אלא לקמן באלה מסעי מפ'. וע"ז פי' זה סדר מסעיהם ר"ל דאלה מסעי פי' זה סדר מסעיהם היאך היו נוסעים מי ראשון ומי אחרון : ע כלו' ביום הסתלקות הענן דלא תימא כיון שהענן הולך לפניהם שלשה ימים לתור להם מנוחה בודאי נסעו ביום שאח"ז מ"ה מפרש מיד והרא"ם פי' ביום ההוא נסעו פי' בחדש השני בעשרים בו אבל ויסעו בנ"י למסעיהם דלעיל פירש ויסעו כמשפט המפורש למסע דגליהם : פ דק"ל שחותן משה שכתוב בקרא אין מפורש בקרא אהייא קאי אי קאי ארעואל או אחובב בנו ומתרץ דקאי אחובב שהוא יתרו כמו שנא' מבני וגו' רא"ם. ויש מקשים והא כבר פי' זה בפ' וישמע יתרו וע"ק למה לו להזכיר והרבה שמות היה לו וכו' וי"ל משום דק"ל דכתיב חובב בן רעואל וגו' מנ"ל אי חובב הוא יתרו ורעואל הוא אביו א"כ יתרו לאו רעואל שמו ואי חובב הוא בנו של יתרו שהוא רעואל א"כ לאו חובב שמו וא"כ היאך מצינו ז' שמות נקראו לו. לכך מתרץ רש"י חובב הוא יתרו והוא נקרא נ"כ רעואל ואל תתמה שיתרו היה שמו רעואל ואביו נמי נקרא שמו רעואל דגבי אביו היה שם העצם שלו רעואל ולאפוקי יתרו על שם מעשיו נקרא רעואל בנעצם ריע לאל : צ מדלא כתיב הולכים אנחנו ומדכתיב נוסעים משמע כמסע

### פירוש לתורת אלהים

ציהונג פון די יודן לצבאותם צו זייערע הערשאפט ויסעו אין דעם טאג האבען זיי געצוגן : (כט) ויאמר משה לחובב בן רעואל אונ משה הט גזאגט צו חובב דם מיינט מען יתרו דר זון פון רעואל המדיני ווס ער איז גוועזן פון מדין חותן משה וואס יתרו איז גוועזן דר שווער פון משה אונ משה הט צו אים אזו גזאגט נוסעים אנחנו אל המקום אשר אמר ה' מיר ציהן צוא דעם ארט וואס גאט האט גזאגט אותו

דאס

יהוה אתו אתן לכם לכה אתנו
והטבנו לך כי־יהוה דבר־טוב
על־ישראל: ל ויאמר אליו לא
אלך כי אם־אל־ארצי ואל־מולדתי
אלך: לא ויאמר אל־נא תעזב אתנו
כי על־כן ידעת חנתנו במדבר

## אונקלוס

אמר יי יתה אתן לכון
איתא עמנא ונוטיב לך
ארי יי מליל לאיתאה
טבא על ישראל: ל ואמר
לה לא איזיל אלהין
לארעי ולילדותי איזיל:
לא ואמר לא כען תשבוק
יתנא ארי על כן ידעת
כד הוינא שרן במדברא
וגבורן דאתעבידן לנא

## רשב"ם

(לא) כי על כן. אשר ידעת. ונחתה על לב צרכנו בחנותנו במדבר. וגם היית לנו לעינים לתת לנו עצה טובה כדכתיב וישמע יתרו. דוגמת עינים הייתי

## רש"י

ע"מ להכנס לארץ ישראל ה"ל שחטאו במתאוננים ומפני מה שתף משה עצמו עמהם שעדיין לא נגזרה גזרה עליו וכסבור שהוא נכנס: (ל) אל ארצי ואל מולדתי. (ספרי) אם בשביל נכסי אם בשביל משפחתי: (לא) אל נא תעזב. אין נא אלא לשון בקשה שלא יאמרו לא נתגייר יתרו מחבה ש סבור היה שיש לגרים חלק בארץ עכשיו שראה שאין להם חלק הניחם והלך לו: כי על כן ידעת חנתנו במדבר.

## בית יהודא

האבען געצויגין פון בארג סיני (ונסעו על מנת להכנס לארץ ישראל) האבן זיי געצויגן אויף דעם תנאי ומיט דעם מיינונג זייא זאלן באלד אריין גיין אין ארץ ישראל (אלא שחטאו במתאוננים) נאר זיי האבן געזינדיגט וויא עס שטייט אין פסוק ויהי העם כמתאוננים, פרעגט רש"י (ומפני מה שתף משה עצמו עמהם) פר וואס האט משה זיך גערעכונט מיט דיא יודין צוזאמען ואז ער וועט אויך אריין גיין אין ארץ ישראל (שעדיין לא נגזרה גזרה עליו) נוייל אין די צייט איז נאך ניט געוועזן דיא גזרה אויף אים ער זאל ניט אריין גיין אין ארץ ישראל (וכסבור שהוא נכנס) ער הט געמיינט ער וועט אריינגיין אין ארץ ישראל נועיין ש"ת): (ל) ואל ארצי ואל מולדתי. חובב האט גזאגט איך וועל גיין צו מיין לאנד (אם בשביל נכסי) וועגן מיינע גיטער וואס איך האב אין מדין (אם בשביל משפחתי) וועגן מיין פאמיליע וואס איך האב אין מדין: (לא) ואל נא תעזבו. זאגט רש"י (אין נא אלא לשון בקשה) דער ווארט נא וואס דא שטייט מיינט מען "געבעט", משה הט געבעטען ביי זיין שווער יתרו ער זאל ניט אוועקגיין פון אים (שלא יאמרו לא נתגייר יתרו מחבה) ווארום אז יתרו וועט אוועקגיין פון דיא יודין צו זיך אהיים וועט מען זאגן יתרו האט זיך ניט מגייר גוועזן וייל ער האט ליב די תורה (סבור היה שיש לגרים חלק בארץ) נאר וייל ער האט געמיינט גרים וועלין אויך נעמען אחלק אין ארץ ישראל (עכשיו שראה שאין להם חלק) איצט אז ער הט גזעהן ונעהערט) ער וועט ניט האבן אחלק (הניחם והלך לו) הט ער זיי געלאזט, אין דער מדבר אונ איז אוועקגעגאנגען צו זיך אהיים, נוייל משה הט געוואלט מען זאל דס ניט זאגן דריבער הט ער געבעטן יתרו זאל גיין מיט זיי אין ארץ ישראל: וכי על כן ידעת חנתנו במדברו. משה האט גזאגט צוא יתרו וכי נאה לך

## שפתי חכמים

דהשונה רק שחטאו במתאוננים והא דפירש רש"י עד ג' ימים וכו' הוכחתו מדכתיב בפרשה זו ויסעו מהר ה' דרך שלשת ימים: ק וא"ת והא פרש"י בפ' שמות כיד אמר שתרצה לשלוח אני אין סופי להכניסם לארץ ולהיות גואלם לעתיד ש"מ שמשה היה יודע שנגזרה גזרה. וי"ל דודאי ידע משה שהוא לא יכניסם לארץ ויהיה ראש ונשיא עליהם אבל מ"מ יכנס כא' מהם. אבל קשה דבסוף פ' שמות פרש"י העשוי לפרעה תראה ולא העשוי לשבעה מלכי אומות כשאביאם אל הארץ משמע שלא יכנס כלל. וי"ל דודאי סבר שיכנס אבל כיבוש ארץ ישראל היה י"ד שנה ואותן י"ד שנה קסבר שהקב"ה אמר לו שלא יראה אבל יכנס וימות שם לכך נקט רש"י הכא כסבור שהוא נכנס ולא נקט שהוא יכניסם דהא ידע שהוא לא יכניסם וגם בפ' חוקת פירש"י שאלמלא חטאו בזה היו נכנסים לארץ ולא נקט היו מכניסין את ישראל וא"ת והא פרש"י בפרשת בשלח תביאמו ותטעמו נתנבא משה שלא יכנס לא"י משמע שאפי' לא יכנס כאחד מישראל לארץ והכא פרש"י כסבור שהוא נכנס. וי"ל דניבא ולא ידע מה ניבא: ר מדכתיב אל אל כ"פ. ר"ל אם בשביל נכסי שיש לי שם נחלה אלך ואמכור אם בשביל משפחתי כדי לגיירם כדמצינו וילך לו אל ארצו דפרש"י לגייר את בני משפחתו אבל דעתו היה לחזור להם ולא לדור שם. מצאתי בשם מוהר"ר אברהם מפראג: ש דק"ל

## דעת זקנים מבעלי התוספות

מתאחר בשביל שום דבר היה מתעכב עמהן לכך נקרא מאסף: (לא) כי על כן ידעת חנותנו במדבר. פי' ע"כ אני מחלה פניך שתלך עמנו לפי שידעת חנותנו והניסים והגבורות שעשה עמנו הקב"ה והיית לנו לעינים שהרואים אותך עמנו יאמרו לא עזב ארצו ואת מולדתו אם לא מפני שראה וידע גדולות של הקב"ה והטובות שעשה לעמו:

## ליקוטי מרדכי

(לא) כי על כן ידעת חנתנו במדבר וגו'. דר מדרש זאגט די תורה הט געזאגט צו הקב"ה ווען יודען וועלען אריינ־קומען אין ארץ ישראל, איינער וועט גיין ארבעטן אין פעלד, איינער וועט גיין ארבעטן אין זיין ווייננגארטען וס וועט זיין מיט מיר ווער וועט מיך לערנען, דריבער הט הקב"ה געהאלטן די יודן אין דר מדבר פערציג יאהר ביז די תורה איז גוט איינגעווארצילט געווארען אין די הערצער פון די יודען, נאכדעם אפילו ביי זייער ארבעט וועלן זיי אויך ניט פארלאזען די תורה, נאך פיל טעמים איז דא אויף דעם וס הקב"ה הט געהאלטען יודען אזוי לאנג אין דר מדבר, דס ווייסען מיר אוך אז ארץ ישראל איז געוועזן די בעסטע לאנד פון אלע לענדער נווי רש"י בריינגט אין די סדרה שלח אויף דעם פסוק וחברון נבנתה וגו' חברון איז געוועזן דיא ערגסטע פון ארץ ישראל אונ איז געוועזן זיבן מאהל בעסער פון צוען ווס צוען איז געוועזן דיא בעסטע פון מצרים אונ מצרים איז געוועזן די בעסטע פון אלע

## פירוש להורת אלהים

דאס לאנד וועל איך געבען צו די ישראל [פיין הש"י] לכה אתנו גייא מיט אונז והטבנו וועלן אונז דיר גוטס טאן כי יי דבר טוב על ישראל ווארום גאט האט גירעט גוטס צו טאהן אויף די ישראל: (ל) ויאמר אונ יתרו הט גזאגט אליו צו משה לא אלך איך וועל ניט גיין מיט אייך כי אם נייערט אל ארצי צו מיין לאנד אונ צו מיין געבירט אלך וועל איך גיין: (לא) ויאמר הט משה גזאגט צו יתרו אל נא איך בעט דיך דו זאלסט אונז ניט פאר לאזין [פיין הש"י]

לענדער

חזיתא בעינך: לב ויהי ארי תיזל עמנא ויהי טבא ההוא די יוטיב יי עמנא

והיית לנו לעינים: לב והיה כי־תלך עמנו והיה ׀ הטוב ההוא אשר ייטיב יהוה עמנו והטבנו לך:

## בעל הטורים

(לב) והיה הטוב ההוא. ה׳ פעמים טובה כתיב כאן כנגד חמש מאות אמה דושנה של יריחו שנתנו לבניו: והטבנו. טוב. הטוב. ייטיב. והטבנו. בגימ׳ ביריחו:

## רש״י

כי נאה לך לעשות זאת על אשר ידעת חנותנו במדבר וראית נסים וגבורות שנעשו לנו: כי על כן ידעת. כמו על אשר ידעת כמו (בראשית לח) כי על כן לא נתתיה לשלה בני (שם יח) כי על כן עברתם (שם יט) כי על כן באו (שם לג) כי על כן ראיתי פניך: והיית לנו לעינים. לשון עבר ת כתרגומו. ד״א לשון עתיד א כל דבר ודבר שיתעלם מעינינו תהיה מאיר עינינו. ד״א שתהא חביב עלינו כגלגל עינינו שנא׳ (דברים י) ואהבתם את הגר: (לב) והיה הטוב ההוא וגו׳. מה טובה הטיבו לו אמרו כשהיו ישראל מחלקין את הארץ היה דושנה ב של יריחו ת״ק אמה על ת״ק אמה והניחוהו מלחלוק אמרו מי שיבנה בהמ״ק בחלקו הוא יטלנו ובין כך ובין כך נתנוהו לבני יתרו ליונדב בן רכב שנאמר ובני קיני חותן משה עלו מעיר התמרים וגו׳

## בית יהודא

לעשות זאת) עס איז שיין פר דיר דו זאלסט דס טאהן אונ גיין מיט אונז (על אשר ידעת חנותנו במדבר) וייל דו ווייסט אונזערע רוהונג אין דר מדבר (וראית נסים וגבורות שנעשת לנו) אונ דו האסט געזעהן די נסים אונ די שטארקייט פון הקב״ה וואס ער האט געטאהן מיט אונז: (כי על כן ידעת). זאגט רש״י (כמו) וויא עס וואלט געשטאנען (על אשר ידעת) וייל דו האסט געוואוסט (כמו) וויא עס שטייט אין פסוק (כי על כן לא נתתיה לשלה בני) ווייל איך האב זיא ניט געגעבן צו מיין זוהן שלה, נאך שטייט אין פסוק (כי על כן עברתם) ווייל איר זענט דורך געגאנגען, נאך שטייט אין פסוק (כי על כן באו) ווייל זיי זענן געקומן, נאך שטייט אין פסוק (כי על כן ראיתי פניך) ווייל איך האב געזעהן דיין פנים: והיית לנו לעינים. זאגט רש״י (לשון עבר) והיית מיינט מען עס איז געווען, והיית לנו לעינים מיינט מען אלע נסים וואס בייא אונז איז געווען אין דר מדבר האסטו געזעהן מיט דיינע אויגן (כתרגומו) וויא דער תרגום זאגט (דבר אחר לשון עתיד) מען קען זאגען והיית מיינט מען דו וועסט זיין, אונ אזו האט משה געזאגט צו יתרו (כל דבר ודבר שיתעלם מעינינו) יעדער זאך וואס וועט זיין פארהוילין פון אונזערע אויגען, יעדער זאך וואס מיר וועלען ניט וויסען (תהיה מאיר עינינו) וועסטו ליכטיג מאכען אונזערע אויגען, וועסטו אונז קענען זאגען די זאך (דבר אחר) נאך קען מען זאגן אזו הט משה געזאגט צו יתרו (שתהא חביב עלינו כגלגל עינינו) דוא וועסט בייא אונז זיין געליבט וויא דאס שווארציל פון אויג (שנאמר) ווי הקב״ה האט געזאגט ואהבתם את הגר, איר זאלט ליב האבן אגר: (לב) והיה הטוב ההוא וגו׳. זאגט רש״י (מה טובת הטיבו לו) וועלכע גוטס האבן יודין געגעבן צו יתרו (אמרו) האבען דיא חכמים געזאגט (כשהיו ישראל מחלקין את הארץ) ווען די יודין האבען צוטיילט די לאנד כנען (היה דושנה של יריחו ת״ק אמה על ת״ק אמה) איז געווען נעבן די שטאט יריחו אשטיק פעטע ערד פינף הונדערט איילין די לענג אונ פינף הונדערט איילין די ברייט (והניחוהו מלחלוק) האבען די יודין דם געלאזין אונ ניט צוטיילט (אמרו) זיי האבען געזאגט (מי שיבנה בית המקדש בחלקו הוא יטלנו) דר שבט וואס דר בית המקדש וועט גבויט ווערן אין זיין חלק זאל ער נעמען די שטיק ערד (ובין כך ובין כך) דערנוייל איידער דער בית המקדש איז געבויט געווארין (נתנוהו לבני יתרו) האבען דיא יודין געגעבען די שטיק לאנד צו דיא קינדער פון יתרו, צו יהונדב בן רכב (שנאמר) וויא עס שטייט אין פסוק (ובני קני חותן משה עלו מעיר התמרים) די קינדער פון קני דער שווער

## שפתי חכמים

למה ביקש ממנו שילך עמו והלא ההליכה הוא לטובתו ונאמר שאינו רוצה בטובה יניחוהו. ועל זה פירש כדי שלא יאמרו וכו׳: ת ר״ל על שראה נסים וגבורות מה שעשה הקדוש ברוך הוא לישראל והכי קאמר והיית לנו לעינים כלומר שראית הכל בעיניך: א דלעטעם ראשון קשה מלת לנו לכן פירש ד״א כו׳ ולפי׳ ד״א קשה כיון שהשכינה ביניהם שמאיר עיניהם על ידי משה ומה להם ליתרו. ולכן פי׳ ד״א וכו׳. ולטעם אחרון לחוד קשה דהל״ל והיית לנו כעינים. לכן צריך לכל הטעמים: ב דושנה קרקע

## פירוש לתורת אלהים

כי על כן דען ווייל דו ווייסט אונזער רואונג אין דר מדבר והיית לנו לעינים אונ די גרוסע נסים וואס צו אונז איז געטאן געווארן האסטו געזעהן מיט דיינע אויגען: (לב) והיה אונ עס וועט זיין כי תלך עמנו אז דו וועסט גיין מיט אונז והיה דם זעלביגע גוטס אשר ייטיב וואס גאט וועט מיט אונז גוטס טאן והטבנו לך וועלן מיר מיט דיר אויך דם גוטס טאן [עיין רמב״ן]:

## ליקוטי מרדכי

לעגדירו, דריבער הט משה רבינו געזאגט צו זיין שווער יתרו, ווען דו ביזט געקומען צו מיר אין דר מדבר אונ דו האסט זיך מגייר געווען האבען אלע יודען געזאגט אז דו האסט זיך מגייר געווען מיט אמת, ווייל דו האסט פארלאזען דיינע גיטער אונ דיין משפחה אונ ביזט געקומן אין דר מדבר צו די יודן, געוויס ווילסטו מיט אמת ווערען איוד, אבער איצט אז דו וועסט גיין צוריק אין דיין לאנד וועלן יודן זאגן, געוויס האסטו געהערט אין דיין לאנד אז די יודן גייען אין ארץ ישראל וואס זיא איז די בעסטע לאנד פון דער וועלט, האסטו געטראכט דו וועסט קומען צו די יודען אונ וועסט זאגן דוא ווילסט זיך מגייר זיין וועלן זיי דיך מיטנעמען אין ארץ ישראל, אונ ווייל דוא ביזט מיין שווער וועלן די יודען דיר געבן אגוטן חלק אין ארץ ישראל, אונ איצט ווילסטו גיין צוריק אהיים כי על כן ידעת חנותנו במדבר, ווייל דוא ווייסט איצט אז מיר וועלן נאך רוהען אלאנגע צייט אין דר מדבר, וועלן דיא יודן זאגן והיית לנו, וואס דו ביזט ביז איצט געווען מיט אונז, דס איז נאר געווען לעינים, אפארשטעלונג צו די אויגען, מיר זאל מיינען אז דוא ביזט אאמתר גר. דריבער אל נא תעזוב אותנו, זאלסטו אונז ניט פארלאזן, אונ זאלסט גיין מיט אונז ווייטער אין דער-מדבר. וועלען אלע יודען וויסן אז דו ביזט אאמתר גר, נאכדעם וועלן מיר מיט דיר טאקי גיטעס טאהן:

לג וַיִּסְעוּ מֵהַר יְהוָה דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת
יָמִים וַאֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה נֹסֵעַ לִפְנֵיהֶם
דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים לָתוּר לָהֶם
מְנוּחָה׃ לד וַעֲנַן יְהוָה עֲלֵיהֶם יוֹמָם
בְּנָסְעָם מִן־הַמַּחֲנֶה׃ ס ששי ] נ' הפוכה

**ת"א** ויסעו מהר ה' שבת קטז תענית כט:

## אונקלוס

עַמָּנָא וְנוֹטִיב לָךְ: לג וּנְטַלוּ
מִטּוּרָא דְּאִתְגְּלִי עֲלוֹהִי
יְקָרָא דַּיְיָ מַהֲלַךְ תְּלָתָא
יוֹמִין וַאֲרוֹן קְיָמָא דַּיְיָ
נָטֵל קֳדָמֵיהוֹן מַהֲלַךְ
תְּלָתָא יוֹמִין לְאַתְקָנָא
לְהוֹן אֲתַר בֵּית מֵישְׁרֵי:
לד וַעֲנַן יְקָרָא דַּיְיָ מַטִּיל
עֲלֵיהוֹן בִּימָמָא

## רשב"ם

לשר: (לג) סהר ה'. כי עדיין לא זזו מכנגד הר חורב שהוא במדבר סיני
זה לאחר שהוקם המשכן כמש"ש למעלה. ומ"מ אצל הר סיני היו עד עתה:

## בעל הטורים

(לד) בנסעם ב' במס' בנסעם מן המחנה בנסעם מקדם מה להלן מרדו אף כאן נמי מרדו: עשה נוני"ן הפוכין סרלה להעביר שבטים שאותיותיהם כ' את הירדן שהוא רחב חמשים אלא שחטאם גרם טעם אחר לנוני"ן הפוכין כדאיתא בשבת פרק כל כתבי שאין זה מקומה וכתבה כאן להפסיק בין פורענות ראשונה לפורענות שניה ועשה נוני"ן הפוכין לי' שמקומה לפני ג' פרשיות לפניה ואלו לא היו נוני"ן הפוכין לא הייתי יודע אם לאחר ג' פרשיות אם לפני ג' פרשיות לכך עשאם הפוכין לומר לפני ג' לפניה והוא אחר ונסע אהל מועד מחנה הלוים בפ' במדבר

## בית יהודא

פון משה זאגן אויפגעזאגנגען פון די מייטיל' שטאט דס איז די שטאט יריחו: (לג) וְדֶרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים. זאגט רש"י (מַהֲלַךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים הָלְכוּ בְּיוֹם אֶחָד) וואס מען דארף גיין אין דרייא טעג זענען זיי געגאנגען אין איין טאג (שֶׁהָיָה הקב"ה חָפֵץ לְהַכְנִיסָם לָאָרֶץ מִיָּד) ווייל הקב"ה האט געוואלט דיא יודין זאלן באלד אריין קומען אין ארץ ישראל: וַאֲרוֹן בְּרִית ה' נֹסֵעַ לִפְנֵיהֶם דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים. דר ארון האט געצויגן פריער פאראוים פאר די יודין אוועג פון דריי טעג, זאגט רש"י (זֶה הָאָרוֹן הַיּוֹצֵא עִמָּהֶם לַמִּלְחָמָה) מען מיינט דעם ארון וואס פלעגט גיין מיט די יודין אין זייערע מלחמות (וּבוֹ שִׁבְרֵי לוּחוֹת מוּנָחִים) אין דעם ארון זענען געלעגען די צובראכענע לוחות (וּמַקְדִּים לִפְנֵיהֶם דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים) אונ ער איז געגאנגען פאראוים פאר די יודין מיט דריי טעג פריער (לְתַקֵּן לָהֶם מְקוֹם חֲנִיָּה) ער זאל אנגרייטען פאר דיא יודין אארט צום רוהען: (לד) וַעֲנַן ה' עֲלֵיהֶם יוֹמָם. זאגט רש"י (שִׁבְעָה עֲנָנִים כְּתוּבִים בְּמַסְעֵיהֶם) זיבען וואלקינס איז געשריבען ביי זייער ציהונג (אַרְבַּע מֵאַרְבַּע רוּחוֹת) פיר וואלקינס איז געווען ארום די יודין אין די פיר זייטען, אוף יעדער זייט איין וואלקען (וְאֶחָד לְמַעְלָה) איין וואלקען איז געווען איבער זיי (וְאֶחָד לְמַטָּה) אונ איין וואלקען איז געווען אונטער זיי (וְאֶחָד לִפְנֵיהֶם) אונ איין וואלקען איז געווען פאר זיי (מַנְמִיךְ אֶת הַגָּבוֹהַּ) ער האט נידעריג געמאכט די הויכע ארטער (דיא בערגן) (וּמַגְבִּיהַּ אֶת הַנָּמוּךְ) אונ ער האט אויפגעהויבען די נידעריגע ארטער (די טאהלין) (וְהוֹרֵג נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים) אונ ער האט געהרגעט דיא שלאנגען אונ די עקדיסין וואס זענען אין דר מדבר: מִן הַמַּחֲנֶה. מיינט מען (מִמְּקוֹם חֲנִיָּתָן) פון דעם ארט וואס זייא האבן גערוהט:

## רש"י

(שופטים א): (לג) דרך שלשת ימים. מהלך שלשת ימים הלכו ביום אחד ג שהיה הקב"ה חפץ להכניסם לארץ מיד: וארון ברית ה' נסע לפניהם דרך שלשת ימים. (ספרי. ב"ב יד) זה הארון היוצא עמהם ד למלחמה ובו שברי לוחות מונחים ומקדים לפניהם דרך שלשת ימים לתקן להם מקום חנייה: (לד) וענן ה' עליהם יומם. שבעה עננים כתובים במסעיהם ארבע מד' רוחות ואחד למעלה ואחד למטה ואחד לפניהם ה מנמיך את הגבוה ומגביה את הנמוך והורג נחשים ועקרבים: מן המחנה.

## שפתי חכמים

סמנה: ג דאם לא כן דרך שלשת ימים ל"ל: ד פי' זה הארון הנוסע לפניהם הוא היוצא עמהם למלחמה שעשאו משה רבינו ע"ה קודם שהוריד הלוחות שניות ואינו הארון שעשה בצלאל אחר י"כ ואחר שהורידו הלוחות שניות מאותו ארון והושמו בארון שעשה בצלאל הושמו בו שברי הלוחות אז נשארו בו והוא היה יוצא עמהם למלחמה והוא הנוסע לפניהם אבל הארון שהיו בו הלוחות שניות הוא בתוך המחנות היה נוסע כדכתיב בזאת הפרשה: ה והו' עננים מונה בספרי וענן ה' עליהם וענך עומד ובעמוד ענן אתה הולך וכהאריך הענן מתוך המחנה והיא היתה נסיעה ראשונה שעשו אחר אותן

## דעת זקנים מבעלי התוספות

(לג) וארון ברית ה' נוסע לפניהם וגו'. ובכל הלילה הזה הענן שוכן על הארון שהרי לא היו יכולין לילך שלשה ימים רצופים לילה ויום דהא אמרינן האומר שבועה שלא אישן שלשה ימים מלקין אותו וישן לאלתר ובבקר היה נוסע מעל הארון והלוים היו מתקנין נסיעותיהם קודם שיסעו המחנות וזהו נוסע לפניהם לפי פשוטו שהיתה נסיעה דארון באותן שלשה ימים עד שבאו למדבר פארן אבל כשבאו למדבר שלחו המרגלים כדכתיב וישלח אותם משה ממדבר פארן ואז נסעו בלא ארון כדכתיב ויעפילו לעלות וכו' וארון ברית ה' ומשה לא משו שלשה ימים. ומה שכתב **דרך** שלשת ימים ר"ל בדרך ג' ימים

## ליקוטי נחמיה

(לג) וַיִּסְעוּ מֵהַר ה'. די גמרא זאגט די יודען זענען אנטלאפין פון בארג סיני, ווי א קינד אנטלויפט פון חדר, ווייל ער וויל ניט לערנען, אזו זענען די יודען אנטלאפין פון בארג סיני זיי האבען מורא געהאט פאמער ווען הקב"ה וועט זייא געבען נאך תורה אונ מצות, אונ דעם וועג וואס מען דארף לויפען אין דריי טעג זענען זייא גילאפין אין איין טאג, אונ ווייל דער ארון איז געגאנגען פאראוים, אז די יודען זענען גילאפען האבען דיא לוים מיט דעם ארון אוך געמוזט לויפען אין איין טאג וואס מען דארף לויפען אין דריי טאג, די יודען האבען געזאגט פארקערט ווייל דר ארון איז געלאפען האבען זיי אוך געמוזט לויפען:

## פירוש לתורת אלהים

(לג) וַיִּסְעוּ די יודען האבען גצוגען מֵהַר יְיָ פון גאטס בארג פון בארג סיני דֶּרֶךְ וועג שְׁלֹשֶׁת דריי טעג רייז [עיין רש"י] וַאֲרוֹן אונ דער ארון פון גאט נֹסֵעַ לִפְנֵיהֶם האט גיצוגען פאר זייא דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים דרייא טעג רייז דער ארון איז דריי טאג רייז פריער גגאנגען פר די ישראל לָתוּר לָהֶם מְנוּחָה צו אום שפעהן צו זיי איין ארט וואס זיי זאלן דארטען רוען [עיין רש"י]: (לד) וַעֲנַן יְיָ עֲלֵיהֶם אונ דער וואלקען פון גאט פלעגט תמיד זיין איבער זייא יוֹמָם בייא טאג בְּנָסְעָם אז זיי פלעגן ציהן פון דער מַחֲנֶה [עיין רש"י]: (לה) וַיְהִי אונ עס איז געווען אז דר ארון האט גצוגן וַיֹּאמֶר

בְּמַטְלְהוֹן מִן מַשְׁרִיתָא: לה וַהֲוָה בְּמִטַּל אֲרוֹנָא וַאֲמַר מֹשֶׁה אִתְגְּלֵי יְיָ וְיִתְבַּדְּרוּן סַנְאָךְ וְיַעֲרְקוּן בַּעֲלֵי דְבָבָךְ מִן קֳדָמָךְ: לו וּבְמִשְׁרוֹהִי אֲמַר תּוּב יְיָ שְׁרֵי בִּיקָרָךְ בְּגוֹ רִבְוָת

לה וַיְהִי בִּנְסֹעַ הָאָרֹן וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה קוּמָה ׀ יְהוָה וְיָפֻצוּ אֹיְבֶיךָ וְיָנֻסוּ מְשַׂנְאֶיךָ מִפָּנֶיךָ: לו וּבְנֻחֹה ובנז"ו ק' יֹאמַר שׁוּבָה יְהוָה רִבְבוֹת אַלְפֵי

תו"א ויהי בנסוע שבת קטו ע"ז נד ידים טו עקרים מ"ב פכ"ח: ובנחה יאמר יבמות סג בבא קמא מג:

## בעל הטורים

סיני כמשם עד הכא ג' פרשיות: (לה) ויהי בנסוע. וי היה לאומות בנסיע. ויהי. עולה לא"ת בלחם עם לא"ת ונלכים: בנסוע מלמד שהי' מתעכב ולא היה נוסע ממקומו עד שמשה היה אומר קומה ה'. בנסוע הארון. כשנוסע הארון נוסע עמו המרכבה וחיות הקדש. בנסוע. בא"ת ב"ש בגימ' ב"פ כעה"ו שהיה כני' כבוד המרכבה: בנסוע. בגימט' יעקב שדמות יעקב אשר הוא חקיק בכסא הכבוד ניסע עמהם: (לו) ובנחה כתיב בה"א כנגד הרבעה דגלים ומחנה לויה. בפסוק ויהי בנסוע י"ג תיבות כמו שיש בפסוק ולכל היד החזקה שהוא סוף התורה. ובפסוק ובנחה יש בו שבעה תיבות כמו שיש בפסוק בראשית שהוא תחלת התורה לו' כהנת השוב ס"ת כפ"ע ומתחיל בוי"ו ומסיים בלמ"ד ע"ש הליכות עולם לו. כל פרשה שיש בה כדי ללקט פ"ה אותיות וזהו ויהי בנסוע מגילין אותה מפני הדליקה לכך סמך לו ותבער בם אש ה' לומר לך שמגילין הפ' שיש בה פ"ה אותיות מן האש וע"כ המגילה בשלה פ"ה מגלת מדינה של גיהנם:

## רשב"ם

דרך שלשת ימים. הלכו עד ג' ימים שלא חנו עד סוף ג' ומשני מורח הדרך: (לה) קומה ה'. שהיה או מסתלק שכינה מעל הכפרת:

## רש"י

ממקום חנייתן: (לה) ויהי בנסע הארן. עשה לו סמניות מלפניו ומלאחריו לומר שאין זה מקומו ולמה נכתב כאן כדי להפסיק בין פורענות לפורענות וכו' כדאיתא בכל כתבי הקדש (שבת קטז): קומה ה'. לפי שהיה מקדים לפניהם מהלך שלשת ימים היה משה אומר עמוד והמתן לנו ואל תתרחק יותר. (תנחומא בויקהל): ויפצו אויביך. המכונסין: וינסו משנאיך. אלו הרודפים: משנאיך. אלו שונאי ישראל שכל השונא את ישראל שונא את מי שאמר והיה העולם שנא' (תהלים פג) ומשנאיך נשאו ראש ומי הם על עמך יערימו סוד: (לו) שובה ה'. מנחם תרגמו לשון מרגוע וכן (ישעיה ל) בשובה ונחת

## בית יהודא

(לה) וַיְהִי בִּנְסֹעַ הָאָרֹן. זאגט רש"י (עָשָׂה לוֹ סִימָנִיּוֹת מִלְּפָנָיו וּמִלְּאַחֲרָיו) מען הט געמאכט צייכנס צווייא פארקערטע נונין איין נון פר וַיְהִי בִּנְסֹעַ, דעם אנדערן נון נאך דעם ווארט יִשְׂרָאֵל (לוֹמַר שֶׁאֵין זֶה מְקוֹמוֹ) צו זאגן דא איז ניט דר ארט פון די צוויי פסוקים (וְלָמָּה נִכְתַּב כָּאן) צו וואס זענען די צוויי פסוקים דא געשריבען געווארן (כְּדֵי לְהַפְסִיק בֵּין פּוּרְעָנוּת לְפוּרְעָנוּת) ווייל דא שטייען צוויי שטראפן וואס דיא יודין זענען געשטראפט געווארן, עס זאל ניט זיין געשריבען איינע נעבען די אנדערע דריבר הט מען אין מיטן געשריבען די צוויי פסוקים וַיְהִי בִּנְסֹעַ (כִּדְאִיתָא בְּפֶרֶק כָּל כִּתְבֵי) וויא עס שטייט אין די גמרא שבת אין פרק כל כתבי: וקומה ה'. זאגט רש"י (לְפִי שֶׁהָיָה מַקְדִּים לִפְנֵיהֶם מַהֲלַךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים) ווייל דער ארון איז געגאנגען פאראויס פר דיא יודין מיט אוועג פון דרייא טעג (הָיָה מֹשֶׁה אוֹמֵר עֲמֹד וְהַמְתֵּן לָנוּ וְאַל תִּתְרַחֵק יוֹתֵר) הט משה גזאגט צום ארון שטייא אונ ווארט אויף אונז ביז מיר וועלען צו דיר קומען אונ זאלסט דיך מער ניט דרווייטערן: וְיָפֻצוּ אֹיְבֶיךָ. עס זאלען פארשפרייט ווערן דיינע פיינד (הַמְכוּנָסִין) וואס זענען פארזאמעלט: וְיָנֻסוּ מְשַׂנְאֶיךָ. עס זאלען אנטלויפן דיינע פיינד דיא וואס יאגען אונז: (אֵלּוּ הָרוֹדְפִים). זאגט רש"י (אֵלּוּ שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל) דיינע פיינד מיינט מען די מענטשן וואס האבען פיינד דיא יודין (שֶׁכָּל הַשּׂוֹנֵא אֶת יִשְׂרָאֵל) וואראום דר מענטש וואס האט פיינד די יודין (שׂוֹנֵא אֶת מִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם) האט ער פיינט הקב"ה וואס ער האט באשאפען די וועלט (שֶׁנֶּאֱמַר) וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך ע"ה האט געזאגט צו הקב"ה (וּמְשַׂנְאֶיךָ נָשְׂאוּ רֹאשׁ) דיינע פיינד האבען אויפגעהויבען דעם קאפ (וּמִי הֵם) ווער זענען דיינע פיינד (עַל עַמְּךָ יַעֲרִימוּ סוֹד) די וואס טראכטען פיהל סודות אויף דיין פאלק זיי זאלן טאהן שלעכטס צו זייא: (לו) שׁוּבָה ה'. זאגט רש"י (מְנַחֵם תִּרְגְּמוֹ לְשׁוֹן מַרְגּוֹעַ) מנחם טייטשט דעם ווארט שובה, בערוהונג (וְכֵן) אונ אזו שטייט אין פסוק (בְּשׁוּבָה וָנַחַת תִּוָּשֵׁעוּן) מיט בערוהונג אונ מיט שטילקייט וועט איר געהאלפען ווערן:

## דעת זקנים מבעלי התוספות

כמו כי ששת ימים עשה ה' שפירושו בששת ימים: (לה) קומה ה' וגו'. פי' אם יתאספו לבא על ישראל יפוצו ולא ימצא בהם שנים ביחד ואם יבאו ינוסו ולא תהיה להם הקומה זו היא תפלת הדרך שלהם: (לו) ובנחה יאמר וגו'. כשהיה הענן שוכן על המשכן היה אומר יהי רצון שישובו כל האלפים והרבבות של ישראל במקומם במספרם ולא יחסר מהן איש ושובה כמו השיבה

## שפתי חכמים

ובהעלות הענן ואם לא יעלה הענן כי ענן ה' על המשכן וכלם סייכים במסע ובחניית בני ישראל (וע' בג"א ובנח"י): ו והיכן מקומו לעיל בפרשת במדבר סיני בדגלים ובמסעות דכתיב ונסע אהל מועד מחנה הלוים וגו' ואחר פסוק זה היה ראוי להכתב ולכך עשה הקב"ה הנוני"ן לסימניות ר"ל מכאן עד הפרשה נ' למפרע היתה ראויה להכתב ולכך הפך הנוני"ן לומר שמקומו כפ' נ' ולמעלה ולא כפ' נו"ן ולמטה: ז וא"ת בשלמא פורענות התרוגה ויהי העם כמתאוננים אלא פורענות ראשונה מה היא וי"ל דכתיב לעיל מיניה ויסעו מהר ס' הל"ל ויסעו מהר אלהים אלא כתינוק הבורח מבית הספר והוא

## פירוש לתורת אלהים

משה הט משה גזאגט קומה שטיי אויף יי גאט [עיין רש"י] ויפצו אונ זיי זאלן ווערן צו שפרייט אויביך דיינע פיינט וינסו אונ זיי זאלען אנטלופן משנאיך דיינע שונאים מפניך פון פאר דיר (עיין רש"י): (לו) ובנוחה אונ אז דר ארון הט גירוט יאמר הט משה גזאגט שובה רוא יי גאט רבבות ביא צוויי מאל צעהן

## ליקוטי מרדכי

(לה) וַיְהִי בִּנְסֹעַ הָאָרֹן וגו'. אין די צוויי פסוקים וַיְהִי בִּנְסֹעַ אונ וּבְנֻחֹה יֹאמַר איז דא זיבען אלפין, צו ווייזן זעקס טויזנד יאהר וועט שטיין דיא וועלט אונ איין מאהל טויזענד וועט זיין וויסט, אונ ווייל דיא וועלט איז באשאפען געווארן נאר וועגן די תורה אונ די תורה איז באשאפען געווארן נאר וועגן יודען, דריבר שטייען די אלפין אין דיא צוויי פסוקים וואס שמועסען פון ארון אונ די יודען, אונ ווייל ווען יודען גייען אוועק פון די תורה איז ח"ו נפילה, דריבר שטייען צוויי נונין איינער פאר וַיְהִי בִּנְסֹעַ אונ איינער נאך יִשְׂרָאֵל, ווייל דר אות נון ווייזט נפילה, אונ ווייל ווען יודען פאלן טוען זייא תשובה אונ הקב"ה נעמט זייא צוריק איין, דריבער שטייען דיא נונין פארקערט צוא ווייזען אז זייער נפילה וועט פארקערט ווערן צו גרויסקייט:

ישראל: ) נ׳ הפוכה פ יא א וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים רַע בְּאָזְנֵי יְהוָה וַיִּשְׁמַע יְהוָה וַיִּחַר אַפּוֹ וַתִּבְעַר־בָּם אֵשׁ יְהוָה וַתֹּאכַל בִּקְצֵה הַמַּחֲנֶה:

## אונקלוס

אַלְפַיָּא דְיִשְׂרָאֵל: א וַהֲוָה עַמָּא כַּד מִסְתַּקְּפִין בִּישׁ קֳדָם יְיָ וּשְׁמִיעַ קֳדָם יְיָ וּתְקֵיף רֻגְזֵהּ וּדְלֵקַת בְּהוֹן אֶשָּׁתָא מִן קֳדָם יְיָ וְשֵׁיצִיאַת בִּסְיָפֵי

תנ״א ויהי העם כמתאננים גבם קין:

## רשב״ם

(א) ויהי העם כמתאוננים. כמו שמצינו בג׳ פרה ותקצר נפש העם בדרך. וידבר העם באלהים ובמשה. וארון ברית ה׳ נוסע לפניהם כל אותן ג׳ ימים לתור להם מנוחה. כי הענן הולך על הארון: כמתאוננים. מצטערים מטורח הדרך:

## בעל הטורים

(א) בקצה המחנה. בגימטריא הקלונים:

## בית יהודא

ורבבות אלפי ישראל). צוויי מאהל צעהן טויזענד און צוויי טויזענד יודין (מגיד) דר פסוק זאגט (שאין השכינה שורה בישראל פחותים משני אלפים ושתי רבבות) די שכינה רוהט ניט ביי אפארזאמלונג יודין וואס זענען ווייניגער וויא צוויי און צוואנציג טויזענד: (א) ויהי העם כמתאוננים). זאגט רש״י (אין העם אלא רשעים) ווען יודין זענען רשעים ווערען זיי גערופען עם, אפאלק (וכן הוא אומר) און אזו זאגט דר פסוק משה הט געזאגט אויף די יודין (מה אעשה לעם הזה) וואס זאל איך טאהן צו דעם פאלק (ואומר) נאך זאגט דער פסוק, דר נביא ירמיה הט געזאגט אויף די יודין (העם הרע הזה) דם שלעכטע פאלק (וכשהם כשרים) און ווען די יודין זענען פרום (קרוים עמי) רופט זיי הקב״ה עמי, מיין פאלק (שנאמר) וויא עס שטייט אין פסוק הקב״ה הט געזאגט צו משה ער זאל זאגן צו פרעה ושלח עמי) שיק מיין פאלק, נאך האט הקב״ה געזאגט צום נביא ער זאל זאגען צו דיא יודין (עמי מה עשיתי לך) מיין פאלק וואס האב איך דיר געטאן: (כמתאוננים). זאגט רש״י (אין מתאוננים אלא לשון עלילה) מתאוננים איז דערטייטש אבילבול ואפאלשע פראטענסיעו (מבקשים עלילה איך לפרוש מאחרי המקום) זייא האבן געזוכט אבילבול ואטראטענסיעו צו הקב״ה זיי זאלן קענן זיך אפשיידען פון הקב״ה (וכן הוא אומר בשמשון) אזו זאגט דר פסוק ביים שמשון (כי תואנה הוא מבקש) ער האט געזוכט צו האבען אבילבול ואפראטענסיעו צו די פלשתים: ורע באזני ה׳). מען מיינט (תואנה שהיא רעה) אשלעכטן בילבול ואשלעכטע פראטענסיעו (באזני ה׳) אין די אויערען פון הקב״ה מיינט מען (שמתכוונים שתבא באזניו) זיי האבען געוואלט הקב״ה זאל הערען זייער בילבול וזייער פראטענסיעו (ויקניט) און ער זאל צערנן (ער זאל בייז ווערן) (אמרו) זיי האבען געזאגט (אוי לנו כמה לבטנו בדרך הזה שלשה ימים) וויא צו אונז ווי שטארק פארמאטערט זענען מיר געווארן לויפענדיג דריי טעג אין דעם וועג (שלא נחנו מעינוי הדרך) מיר האבען ניט גערוהט פון דעם פייניגען וואס מיר זענען געפייניגט געווארען אין דעם וועג: ויחר אפו). עס האט געברענט דר צארן (דר כעס) פון הקב״ה אויף דיא יודין, הקב״ה הט געזאגט (אני הייתי מתכוון לטובתכם) איך האב געמיינט אייער טובה (שתכנסו לארץ מיד) איר זאלט באלד אריינקומען אין ארץ ישראל: ובקצה המחנה). מען מיינט (במוקצין שבהם לשפלות) דער פייער הט געברענט אין דיא

## רש״י

תושעון: רבבות אלפי ישראל. מגיד שאין השכינה שורה בישראל פחותים משני אלפים ח ושתי רבבות: (א) ויהי העם כמתאננים. (ספרי) אין העם אלא רשעים ט וכן הוא אומר (שמות יז) מה אעשה לעם הזה ואומר (ירמיה יג) העם הרע הזה. וכשהם כשרים קרואים עמי י שנא׳ (שמו׳ ה) שלח עמי (מיכה ו) עמי מה עשיתי לך: כמתאננים. אין מתאוננים אלא לשון עלילה מבקשים עלילה האיך לפרוש מאחרי המקום וכן הוא אומר בשמשון (שופטים יד) כי תואנה הוא מבקש: רע באזני ה׳. תואנה שהיא רעה באזני ה׳ שמתכוונים שתבא באזניו ויקניט אמרו אוי לנו כמה לבטנו כ בדרך הזה שלשה ימים שלא נחנו מענוי הדרך: ויחר אפו. אני הייתי מתכוין לטובתכם שתכנסו לארץ מיד: בקצה המחנה. במוקצין שבהם לשפלות אלו ערב

## שפתי חכמים

גם כן פירעניות שסרו מה׳: ח שרבבות ואלפים ר״ל שני רבבות ושני אלפים דאם לא כן לא היה צ״ל אלא שובה ה׳ רבבות ישראל כי סתם רבבה בכל מקום הוא עשרת אלפים ולא תמצא בשום מקום שיזכיר הכתוב אחר הרבבה שם האלפים: ט וא״ת והלא מצינו כעם שהם צדיקים שנא׳ ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ה׳ נעשה. וי״ל כשהם רשעים לא נקרא להם שם אחר אלא העם: י וא״ת והלא מצינו עמי כשהן רשעים שנאמר ועמי לא התבונן וי״ל דה״פ שהיו קודם לכן עמי ועתה לא התבונן מנאתי: כ לבטנו

## דעת זקנים מבעלי התוספות

ודומה לו ושב ה׳ את שבותך: (א) ויהי העם כמתאוננים. כאוננים על המת ומתאבלים על מה שהיה הקב״ה רוצה להכניסן לארץ כי היו קטני אמנה ודואגין מן המלחמה:

## ליקוטי יוסף

